# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 412)  זיבן און צוואנציקסטער יאר  אפריל 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

שרה בת־טובים בענטשט די קדושים־ליכט, א גאנצע נאציע זיך פארמאסטן, דאס פארעלטערונג געזעץ, אויף דער עקידה, חי וקים (18'טע יאר מדינת־ישראל), חג החירות־געזאנג 1941 ...... ** 1
יזכור (ליד) ...... ישעיה זאנדבערג 5
גארזד מיין שטעטעלע (ליד) ...... עלא זילבערג 5
ובמותם לא נפרדו (דערציילונג) ...... משא גרינבוים 6
תפלה פון א רעגן־טראפן, דאס ווייסע הויז (לידער) ...... מנחם שטערן 9
פאנטאזיע (ליד) ...... שמואל וההייט 10
מיין פארטרעט (ליד) ...... יוסף לעפטוויטש 11
„בראם" (פראזע) געוויין אין דער נאכט, איז עס דער פרילינג וואס שטייט פארן פענסטער, פרילינג א.א. (לידער) ...... א. נ. שטענצל 11
דער סקולפטאר מיכאל מילבערגער (עסיי) ...... יחזקאל קארנהענדלער 26
מיקל אנדזשעלא סיקסטינישע סופיט (פאעמע) ...... ש. באיארסקי 29
דער גאלדענער רינג (א מעשה) ...... ש. טענענבוים 30
דער גרונט־געדאנק פון א. גאלאמבס בוך ...... י. ריכטיגער 31
לאנדאנער קולטור־ידיעות ; יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

## ווארשעווער געטא - הזכרה

פריינט פון יידיש לשון, דער בונד אין לאנדאן, די יידישע ביבלאטעק ביי דער יידישער קהילה ארדענען איין די ווארשעווער געטא הזכרה אין אדלער־הויז, אדלער סטר. זונטיק, דעם 24'סטן אפריל 2.30. עס באטייליקן זיך : די הזכרה : לעאן בלומענזאן, רעדעס — י. ריכטיגער, ח. נ. בענקוויטש. רעציטירן נעט רובין. זינגען געטא לידער — מאיר באגדאנסקי. פארזיץ א. נ. שטענצל.

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Street, London, E.1*

הערי אריעל

## סטאניסלאוו בראנשטיינ'ס יידן

א יידישער פאעט וועמענס רוף קלינגט ווי אנעכא אין א חרב געווארענעם בית המדרש . . . א יידישער אקטיאר וועמענס שטימע הילכט אפ ווי אין אן אלטן שלאס וועלכער ליגט שוין אין רוינען . . . און איצט א יידישער מאלער וועמענס סורעאליסטישע מאזאיקס זיינען ווי שפיגלען פון דער פארגאנגענהייט אויף וועלכע עס האבן זיך איינגעקריצט די פנימער פון אונזערע טאטעס, זיידעס און עלטער זיידעס . . .

סטאניסלאוו בראנשטיין שטאמט פון ווארשע און האט אין זיין ערשטע אויסשטעלונג אין ענגלאנד, וועלכע איז ארגאניזירט געווארן דורך דעם קולטור קאמיטעט פון דער אילפארד רעפארם שול, געוויזן אז עכט יידישע קונסט אפעלירט צו יעדן איינעם, אפילו צו די וועלכע האבן אין דער היינטיקער מאדערנער וועלט פארגעסן פון וואנען זיי שטאמען . . .

מיט מייסטערהאפטע טעכניק האט ער געברענגט צום לעבן די יידישע פארגאנגענהייט. אין זיינע בילדער זעט איר דאס שניידערל, דעם וואסער טרעגער, דעם בדחן, שדכן און אלע טיפן פון דעם יידישן שטעטל. אין דער צייט וואס בארימטע יידישע מאלער אין לאנדאן יאגן זיך נאך א נייעם „סטיל"... זוכן נייע „גימיקס" . . . דריקן אויס זייערע געפילן אין „אבסט־ראקט", האט בראנשטיין זיין אייגנארטיקן סטיל פאר וועלכן עס איז דא א זער אריגינעלער נאמען : „אמת" . . . דער אמת וועלכער קומט פון דער טיפע־ניש פון זיין הארצן און האט א יידישן פולס וועלכער וויל נישט אויפהערן צו קלאפן . . .

און דער אמת האט טאקי געזיגט ! אזא דערפאלגרייכע אויסשטעלונג, סיי אין מאראלישן און סיי אין מאטעריעלן זין האב איך שוין לאנג נישט געזען. נאך דער אפיציעלע הערפנונג, וועלכע איז אדורכגעפירט געווארן פון דעם בילדונגס פארוואלטער פון „רעדברידזש" מיסטער מילס, האט דער עולם, וועלכער איז באשטאנען פון אנערך 150 קונסט מעצענאטן, קריטיקער, ליטע־ראטן, יידישע אקטיארן און יידן פון פארשיידענע געגנטן אין לאנדאן באוואונ־דערט און טאקי געקויפט די בילדער.

סטאניסלאוו בראנשטיינס ערשטע אויסשטעלונג האט אים געגעבן מוט פאר זיין ווייטערדיקע ארבעט און דעם כבוד וועלכן ער האט פארדינט.

---

אין בן־אורי 21 דין־סטר. ו.1. זונטיק, דעם 27'סטן מערץ 8 א זייגער

די מאדערנע סאוויעטישע יידישע שרייבער און פאעטן

א. זאנטאג וועט האלטן א פארטראג

לייענען און דעקלאמיר : מנשה וויסגראז, נעט רובין, אייזיק גאלדבערג און בעלא ווײנער.

פארזיץ **א. נ. שטענצל**

---

## יידיש ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

שבת, דעם 5'טן מערץ — פורים פראגראם. עס באטייליקן זיך יידל גאלדבערג, יעקב ריכטיגער, י. ח. בענקוויטש, נעט רובין און מאיר באגדאנסקי.
שבת, דעם 12'טן — א שלום עליכם שבת צום שלום־עליכם־יאר.
שבת, דעם 19'טן לייענען פון די ביכער פון יוסף הלל לעווי, ס. פאלמע און קעטי בראון צו זיינע יארצייטן.
שבת 26'סטן — לכבוד 70סטער געבוירן יאר פון אונזער מיטארבעטער און רעציטאטאר אייזיק גאלדבערג.

## לאָנדאָנער קולטור - ידיעות

בן־גוריונס־באזוך אין לאנדאן האט געמאכט א גרויסן איינדרוק אין יידישן יישוב. ער איז אויפגענומען געווארן ביי אַ גרויסן באנקעט. און געהאלטן דא איניקע וויכטיקע רעפעראטן.

און בן־אורי איז געווען אן אונט געווידמעט די סאוויעטישע יידישע שרייבער צווישן אנדער האבן זיך באטייליקט מיט ריידן און רעציטירן בעלא ווייגער און איי־זיק גאלדבערג.

די קולטור־געזעלשאפט האט איינגעארדנט א פרץ־פייערונג, צום אפשלוס פון פרץ יאר. עס האבן גערעדט יוסף לעפטוויטש, י. ח. קלינגער. געליינט פון פרצעס ווערק אין יידיש האט דער באקאנטער אקטיאר יידל גאלדבערג.

מ'האט אויך געזינגען פרצעס לידער. דעם פארזיץ האט געפירט חיים פינער. די קולטור־געזעלשאפט פועלי ציון האט אויך רעפּראדוצירט די בארימטע פרץ־פאטאגראפיע פונם טשערנעוויצער קאנפערענץ.

אין דער לעצטער לעבעדיקער צייטונג איינגעארדנט פון זשורנאליסטן פעראיין און יידישן וועלט־קאנגרעס האבן זיך באטייליקט, דר. האמא י. ח. קלינגער און יוסף פרענקעל. פארזיץ — דר. זיידל.

אין דער יידישער בוך־וואך האט גערעדט דר. מאיר גערטנער איבער דער יידישע דיכטונג רעציטערט אין יידיש פון דער יידישער דיכטונג האט יידל גאלדבערג.

איזיק גאלדבערגס 70 געבוירן טאג איז געפייערט געווארן ביי די שבת נאכמיטאגס. באגריסט דעם בעל־יובל האט יעקב ריכטיגער, מנשה וויסגראז, נעט רובין און חבר בירנבוים. גאלדבערג האט געלייענט זיינס א דערציילונג.

איזיק גאלדבערג און זיין פרוי זיינע אפגעפארן אויף א באזוך קיין ישראל.

מיר דרוקן אויס אונזער טיפן־מיטגעפיל צום פריינט שלמה מאזעס און פרוי איבערן טויט פון זיין ברודער דעם באקאנטן פּובּליציסט און זשורנאליסט מענדל מאזעס, וואס איז געשטארבן אין ישראל, און צו זיין שוועסטל און שוואגער, פריינט ראזען.

דר. יעקב מייטליס אויף זיין נסיעה אין אמעריקע האט געהאלטן א רעפעראט אין לאסאנזשעטעס פון דארט פארט ער נאך שילי.

די גרויסע ווארשעווער געטא הזכרה קומט פאר אין דרורעי ליין־טעאטער, זונטיק דעם 17'סטן אפריל, 3 אזייגער. אין ארבעטער רינג — זונטיק דעם 24'סטן 3 אזייגער, פריינט פון יידיש־לשון, בונט אין לאנדאן און רידינג־רות — זונטיק 2.30.

פריינט פון יידיש־לשון און בונט זונטיק דעם 1'סטן מאי אין בערנער סטר. 33, א.1. 11 א זייגער — א רעציטאציעס פון ארבעטער לידער.

די פרוי פון דר. אהרן שטיינבערג אין פארגאנגענעם חודש געשטארבן, מיר דרוקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צום שרייבער און געלערנטן, דירעקטאר פונם קולטור־דעפארטמענט ביים יידישן וועלט קאנגרעס און פארזיצער פון ייווא אין ענגלאנד.

דער יידישער זשורנאליסטן און ליטעראטן פאריין דא, האט צוגעשיקט צו דר. אהרן שטיינבערגן, דער ערן־פרעזידענט פון פאריין, פאלגנדיקן טרייסט־בריוו:

„מיר זענען שטארק דערשיטערט פונעם גרויסן אומגליק, וואס האט אייך געטראפן אינעם פארלוסט פון אייער ליבער פרוי, ע"ה."

„מיר האבן נישט קיין ווערטער אויסצודריקן אייך אינדזער טיפן מיטגעפיל אין אייער טרויער".

„אין אייער כלל־ארבעט פארן אידישן פאלק און יידישן ווארט זאלט איר געפינען א טרייסט".

„און זאל דאס זיין אייער לעצטער צער".

א. מ. קייזער, פארזיצער.
יוסף פרענקעל, ערן־סעקרעטאר.

## יידיש - ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס

אין העגריקעס סטר. (בערנער סטר.) 33, שבת 3 א זייגער

שבת, דעם 16'טן אפריל — דער זיג דער ארבעטער־פארטיי — רעפעראט פון סעם לעוו.

שבת, דעם 23'סטן חורבן־ליטעראטור, רעפעראט פון י. ריכטיגער.

שבת, דעם 30'סטן רעציטאציעס פון יידישע דיכטונג געזאנג פון פאלקס־לידער,

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 4 (העפט 412) זיבן און צוואנציקסטער יאר אפריל 1966 לאנדאן

## שרה בת - טובים בענטשט די קדושים - ליכט

ווי מיט צוויי ווייס־פאכנדיקע פליגל,
פארדעקט זי אירע שטילע טויבן־אויגן;
אירע שעפטשנדיקע ליפן ווארקען,
א תחינה הכנעהדיק פרום געבויגן:

„טאטע פאטער, דערבארעמדיקער דו,
געאכפערטער האר איבער אלע וועלטן,
העלף מיר דאך קענען בענטשן די מענטשן,
נישט חלילה אויף אייביק זיי פארשעלטן.

„ווי די זעקס פלעמלעך דא, הייליק לויטער,
זעקס מיליאן קדושים פלאמיק אויפגעגאנגען — —
קאן א מענטש דאס פארגעסן, פארגעבן?
אזא קרבן קאן ווער פון וועם פארלאנגען?

„און זע די חרפה, גאט, ס'וויל דער מערדער נאך,
מיט געלט געריבט ביי אונז, זיין זינד פארגעלטן;
גאט פון אברהם, פון יצחק און יעקב,
אלמעכטיקער האר איבער אלע וועלטן — — —"

## א גאנצע נאציע זיך פארמאסטן

וויפיל וועט זיך א סאדיסט לאזן קאסטן,
אן איינציקן פארברעך צו קענען באגיין;
און דא א גאנצע נאציע זיך פארמאסטן — —
מילא, פאראן אזעלכע מען באצאלט זיי —
איך — א שיילאק! — וויל אויף מיין פון פלייש באשטיין.

יא, מיט א מעסער מיין הארץ ארויסשניידן,
איך וועל מיר לאזן טיף פון אונטער מיין ברוסט,
איידער מיט א דייטש פון „שילומים" ריידן;
ער בעט דאך צומאל נישט קיין מחילה,
באצאלט בלויז פאר זיין סאדיסטישע לוסט.

וואַרט זאָל ער זיך נאָר ווידער אָנזויפן,
דייטשן בויך־באַס אָנגיסן — ביר אַ פאַס!
און ר׳איז ווידער גרייט „ליבע״ צו קויפן — —
צעשפּילן זיך ביים סאַדיסט די געבליטן,
איז מאָרדן, אַ שפּיל בלויז פון לוסט און שפּאַס.

## דאָס פאַרעלטערונג - געזעץ

נאָך אַ יאָר, נאָך אַ חודש מיט אַ מיטוואָך,
זייער „פאַרעלטערונג־געזעץ״ טרעט איין,
און עס באַווייזן זיך אָפן, פראַנק און פריי,
נישט בלויז אַ באָרמאַן, נאָר היטלער אַליין.

מחנות־ווייז וועלן קריכן פון די לעכער,
גאַנצע ראַטן־סטאַדעס און טשאַטעס מייז;
די האַרסט וועסל־האָרדעס, די פחד־העלדן,
מעסער׳ס אין די הענט — גרייט צו אַלדעס־בייז!

יעדער „גוטער דייטש״ וואַרפט אַראָפּ די מאַסקע,
ס׳אמתע פּרצוף־פּנים זיך באַווייזט — —
נעם אַראָפּ דעם מויל־קאָרב פון אַ הונטס פּיסק,
פאַר פרייד, ר׳ווערט משוגע צוריק און בייסט.

## אויף דער עקידה

. . . ווען אויף דער עקידה געלעגן,
האַלדז צום שאַרף פון מעסער אויסגעשטרעקט,
נישט פאַר לייב און לעבן געציטערט,
פאָרן מעסער דאָס האַרץ אויפגעשרעקט —

אַז וועלכעס מענטשן קינד קאָן זאָגן,
פון חטאים און זינד איך בין ריין?
אָבער איז דען מעגלעך, אַז אַ מענטש
דעם צווייטנס שוחט זאָל מעגן זיין?

גאָטס האַנט דעמלט אַציטער געטון,
טרער פון זיין אויג די זינד אָפּגעמעקט — — — —
יעצט האָט די האַנט ס׳מעסער געצויגן,
און די גאַנצע ערד מיט בלוט באַפלעקט.

איז דען פאַראַן אַזויפיל טרערן,
און ווי געוואַלטיק ס׳געוויין נישט זיין,
אָפּוואַשן ס׳בלוט פון די זעקס מיליאָן,
צומאָל מיט זיין געוויין גאָט אַליין.



## חי וקים (18טע יאָר מדינת־ישראל)

„אָן יידיש לשון, אָן מאַמע־לשון,
ישראל אַ גולם מיט אַ שם אונטער צונג;
גיב אים אַ האַק אין האַנט, אָן אַטאָם־באָמב,
און ער שפּאַנט „ימין שמאל״ איבער אַלט און יונג.

„ככל הגויים צו זיין ס׳איז גאָר גרינג,
אָבער פון גוי־און גלות באַפרייטער מענטש — —
גאָט פון אברהם פון יצחק און פון יעקב,
דיין פאָלק ישראל, דיין יידיש לאַנד שיץ און בענטש.

„דיין פאָלק איז געגאַנגען גלות־ליידן —
אין אַ מעשה־נורא אַ הייליקער גייט!
און אַצינד געקומען צוריק אַהיים,
מוז קינד און קייט צום קאַמף באַוואָפנט שטיין גרייט״.

שטייט שכינה מיט „מענה לשון״־תחינה,
צוגעפאַלן צו דעם כותל מיט איר קאָפּ,
זי לעכערט די שטיינער מיט אירע טרערן,
וואָס פאַלן טראָפּ נאָך טראָפּ פון אויג אַראָפּ:

„חי וקים, נורא, מרום, קדוש,
ווען וועט שוין מענטש און וועלט ווערן אויסגעלייזט?
די שמחה פון אַ פּראָסטן חי־וקים,
מיט יידיש וואָרט אין מויל אויף דיין ערד ער שפּרייזט — — —״

## דער חג - החירות געזאַנג אין „טילבורי - שעלטער״ 1941

(פאַר 25 יאָר דער „בליץ־קריג איבער לאָנדאָן״)

דער מרור־ביטערער מלחמה־פרילינג 1941, די שווערע באָמבאַרדירונג איבער לאָנדאָן, די ערשטע נאַכט פון פסח תש״א. אָבער דער הימל איבער ווהייטשעפּל איז נאָך קיינמאָל נישט אַזוי שיין געווען, אַזוי קיילעכדיק בולט, אַזוי בלוי־פאַרטיפט ווי אין דער דאָזיקער נאַכט פון פסח — אַלע פענסטער זיינען פינסטער, אַלע גאַסן־לעמפּ אויסגעלאָשן, דערזעט מען ערשט דעם הימל אין זיין גאַנצער פּראַכט: „ליל שמורים הוא זה הלילה — —״

די פולע לבנה גאָלדן־ברוינלעך — אַן אויסגעבאַקענע מצה־שמירה, ממש מיט די הענט אָנצוטאַפּן; אָפּצוברעכן פון איר אַ כזית. און די שטערן אַרום פינקלען ווי די פולע כוסות — בורא פּרי הגפן.

די לעצטע פרומע יידן ענדיקן דעם סדר אין דער היים, לויפן איילִיק אין די שעלטערס אַריין איידער דער „באַראַזש״ צעלאָזט זיך מיט זיין געקנאַל

— עס ציטערט די שטאט! די יום־טוב שטימונג ביי א יידן איז היי־יאר א טאפלטע: א פסחדיק־יום־כפורדיקע . . .

אין „טילבורי שעלטער“, וואו יעדע נאכט באהאלטן זיך דארטן א צען טויזנט מענטשן, איז די שטימונג אן אנגעהייצטע. ארום די גארנדיקע קאזאר־מע־בעטלעך זיצן יידן משפחה־ווייז, ווי אין די אמאליקע צייטן ארום געבראטע־נעם קרבן־פסח און מען ענדיקט דעם צווייטן טייל פון דער הגדה; מען זינגט אין כארן דעם „אל בנה, אל בנה, בנה ביתך בקרוב“. די קינדער און די פרויען צעווארעמען זיך און פרייען זיך ביים רעפריין: לך ולך. לך כי לך. לך אף לך — עס ווערט פריילעך, קינדיש־לאכנדיק, יינגלדיק־קלינגענדיק. דרויסן האט זיך די באמבארדירונג אנגעהויבן — עס קלאפט דער בארוזש! אט פאלט א באמבע גאר נאנט, אפשר גאר אויפן דאך פון דער טילבורי, אבער דאס געזאנג ווערט העכער און לוסטיקער. עס איבער־שרייט די שרעק אין די הערצער: כי לך. לך אף לך.

די ברידערלעכקייט פון די וויטשעפעלער שכנים, יידן און גוים, איז דעמאלט געווען אין איר הויך־פונקט, אין צעניט. די דערוואקסענע זין און טעכ־טער זיינען דרויסן, אין מלחמה־געפאר, און זיי דא באדראט פון איין באמבע — די שרעק און די האפנונג א שותפותדיקע, א ברידערלעכע, אויף לעבן און טויט א פארבינדנדיקע.

און פלוצלינג, ביים אנהויבן זינגען דעם „חד גדיא“ — דאס פאלקס־טימ־לעכע פון די ווערטער און פונם ניגון, דאס זיסע פון דער מעלאדיע, דאס גיך־גאלדן גלעקלדיקע: „חד גדיא, חד גדיא“ — האצקעט אן א געזאנג, שפרינגענ־דיק און קלינגענדיק אויפגעהויבן פון די אקייגנאיבערדיקע גארן־בעטלעך — אין ענגליש. א געזאנג, אז די טילבורי־געביידע האט זיך א שאקל געטון — אונזערע גויאישע שכנים האבן אנגעהויבן זינגען ענגלישע פאלקסלידער, און פון אלע ווינקלען און פון אלע זייטן האט מיטגעהילכט און מיטגעשאלט, און ווען זיי זיינען אריין אין זייער עקסטאז אין פייערדיקן „מאטהער בראון“־טאנץ, איז דער קאראהאד געווען א „בארוזש“ פון געזאנג!

הערנדיק דאס ליד און דעם אופן ווי ס׳ווערט געזונגען און געטאנצט, האב איך געפילט ווי א פייערדיקע וויזיע הייבט זיך אויף איבער דעם אנגעהייצטן, גליאיקן שטויב:

עס וועט זיי גארנישט העלפן די דייטשן מיט אלע זייערע בייזע באמבעס און רשעותדיקע רציחות. א פאלק, וואס קאן אזוי זינגען, זיגט; א פאלק, וואס קאן ארייננפאלן אין אזא עקסטאטישן טאנץ, צעטרעט זיין שונא. דאס ענגלישע פאלק וועט צעבייסן דעם נאצי־רוצח ווי א שטאלצער פארשוויגענער בולדאג צעבייסט א בילנדיקן, אויפן בויך־קריכנדיקן דאקלהונט — לא יחרץ כלב לשונו.

אלע האבן מיר עס דעמאלט אזוי דערפילט! און דאס געזאנג און דער טאנץ אין יענער ליל־שמורים נאכט זיינען אנגעגאנגען ביז דער מארגנשטערן איז אויפגעגאנגען.



ישעיה זאנדבערג

## יזכור . . .

אין אוונט־שעה, ווען ס׳שלאפן איין די הייזער,
און ס׳חלומען די גאסן שטיל א טרוים,
לייכט אויף א בלאסקייט, א העלער שימער,
א בלויער נעפל באזוימט דעם רוים.

און ווען די נאכט שוין הילט זיך איין אין שאטנס,
גייט אויף א שטים, וואס מאנט און רופט אין ווייט,
א תפילה זכה פאר די אפגעשיידטע,
פאר לעבנס אפגעהאקטע פאר דער צייט.

אין נעכט, ווען ס׳איז דער הימל אויסגעשטערנט,
זיך וועקט א קול, וואס ניגונט שטיל און ברומט;
פון האריזאנטן דערגייט א קלאגן,
מ׳הארכט די ערד זיך צו פארשטומט.

און שפעט אין נאכט, ווען אלץ זיך לעשט אין שטיבער,
שארכן שלייכנדיקע, לייכטע טריט;
ס׳וויברירט אין לופטן א געשעפטש בלחש
פון א קוים געהערטן, אויפגעוואכטן קדיש־ליד.

עלא זילבערג

## גארזד מיין שטעטאלע (אין ליטא)

געווידמעט פאר מיין טייערן ברודער משה

1

א שטעטאלע, מיין שטעטאלע,
ווי ליב איז מיר דיין נאמען,
ווער ווערט נאך דיר טראכטן מער,
ווער ווערט דיך דערמאנען?

2

ווען מיר וועלן מער ניט זיין,
ווער ווערט נאך דיר בענקן?
פון דאס לעבן אין דער היים,
ווער ווערט וואס געדענקן!

3

דיינע שמאלע געסאלעך,
די הייזאלעך צעבויגן,
די גאניקלעך, די גערטאלעך,
זיי שוועבן פאר די אויגן.

4

און יעטווידע סטעזקאלע,
אין די קארן פעלדער,
און א יעדער ווינקאלע,
אין די געדיכטע וועלדער.

5

אוי איך האב דיך ליב געהאט,
שטעטאלע מיין קליינע,
וואלט איך טרערן מער געהאט,
כ׳וואלט ניט אופגעהערט צו וויינען.

6

היינט ביזט אפגעמעקט פון ערד,
מיט הויז, געזינט, פארמעגן,
אויסגעריסן יעדער שטיין,
צואקערט דיינע וועגן.

7

צאנקסט דו ווי א ליכטל קליין,
בלאס אין מיין זכרון,
און ווי איר פלאם פארגייען ווערסט,
מיט דער צייט פון יארן.

## מאשא גרינבוים

## ובמותם לא נפרדו

אין א קליינער אלטער שטיבל, אפגעזונדערט אין זיין חדר״ל איבער דער אפענער גמרא, איז געזעסן דער אלטער רב. רעיונות, רעיונות, דער שטערן צואקערט, צוקנייטשט, יעדער קנייטשל א דאגה, יעדער קארב א צרה, צרות יחידים צרות רבים. ליגט די גמרא א צעעפנטע, אבער דעם רב׳ס בליקן שפרייזן איר אריבער, זיי קוקן ווייט פארויס. דורכן פענטצער רייסן זיך אריין קולות, שיסערייען, געוויינען און רחמנות געשרייען.

מיט א ציטערדיקער האנט קלאפט מען אן אין טיר פון רב״ס חדר״ל און פארזיכטיק שפארט זיך אריין יהודה זיין זון. — „טאטע, אין גאס ארעס־טירט מען יידן, מען האט שוין אלע אונדזערע שכנים ארויסגעפירט, און איצ־טער האט מען דעם לעצטן, שמעון דעם קאמאנשטעפער, מיט זיין משפחה אוועקגעפירט, לאמיר אראפגיין אין קעלער, טאטע, איך בעט דיר . . .״ ציטערט יהודה׳ס שטימע, און א געוויין פון זיין אייניקל, פון יהודה׳ס זון רייסט זיך אריין דורך דער אפענער טיר און לייגט זיך אוועק ווי א געבעט אין צימערל.

„גיי מיין זון״ — זאגט דער אלטער רב. „און דער רבונו של עולם זאל דיר העלפן. איך בלייבט דא, דא איז מיין ארט. דו ווייסט דאך אז ווען מיין



פאלק, מיין עדה, געפינט זיך אין אן עת צרה, טאר איך זיי ניט פארלאזן. איך קען זיי ניט העלפן, אבער אפשר וועט א פארלארענער אן אומגליקלעכער אנקלאפן אין דער דאזיקער טיר און אפשר וועל איך מיט מיין ווייניקייט נאך קענען העלפן א צובראכענעם יידן. דא איז מיין ארט יודל, דער קאפיטאן פאר־לאזט דער לעצטער אפילו א זיך טרינקענדיקע שיף״.

א פארקלעמטער איז יהודה געבליבן שטיין ביים שוועל. הינטערן טיר האט זיך אומרואיק ארומגעדרייט זיין ווייב מיטן פיצל אויף די הענט. פלוצעם האט יהודה זיך אריס געטאן און גענומען שפאנען צום ארויסגאנג צום גאס, זיין ווייב האט אים צושראקן נאכגעקוקט און אומבאהאלפן אויסגעשריען — „יודל וואו גייסטו ?״

אבער יהודה איז שוין געוועזן אין גאס, זיינע אויגן האבן געזען דעם חורבן פון אויסגעהאקטע יידישע פענצטער, צעריסענע קישנס, צעבראכענע מעבל שטיקער, חפצים, כלים און בלוט, יידישע בלוט פון פארוואונדעטע, דערהרגעטע יידן האבן זיך געוואלגערט אין גאס.

ער האט געפילט און געשמעקט דעם געפאר, אבער ער איז ווייטער געגאנגען, זיינע פיס האבן אים אינסטיקטיוו געפירט צו דער ישיבה, מיט אן אויסגעבלייכטע געזיכט און ציטערדיקע ליפן האט ער דערגרייכט די ישיבה „כנסת ישראל״. אויסערלעך גארניט, דער בנין, דער זעלבער, נאר א פאר פענצטער־שויבן צובראכן, ער האט האסטיק אן עפנט געטאן די טירל פון הויף. גארניט, דער הויפל ווי שטענדיק. זיין בליק איז געפאלן אויף די משונה צופראלטע טירן פון דער ישיבה, און אן אמה איז אים באפאלן.

בלוט, בלוט רינט פון מקום קדוש ארויס. ער איז שנעל ארויפגעלאפן אויבן. אויפן צווייטן שטאק, האט געוווינט דער ראש ישיבה. ניין, קיינער ניטא, בלויז חורבן, די ספרים צוריסן, די מעבל צובראכן, פעדערן פליען פון איין צימער אין צווייטן, קיינער ניטא, ניטא קיין לעבעדיקע, אבער חלילה ניט קיין טויטע. ער איז האסטיק אראפ די טרעפ. און אונטן אין ישיבה זאל, האט געעקבערט אין מוח, ווער קען דארטן זיין? פון וואנענט רינט דאס בלוט? יהודה איז מיט א קלאפענדיקער הארץ דורכגעלאפן די צעעפנטע טירן. די אינעווייניקסטע גלעזערנע טירן זענען געווען געשלאסן. ער האט זיי אומגע־דולדיק א שטויס געטאן און איז פון שטויס אנידערגעפאלן. אין ישיבה זאל איז געווען טונקל, דער ארון קדוש צופראלט, און יהודה איז געבליבן ליגן אויף א ווארעמער קלעפיקער מאסע.

* * *

אין חדר׳ל איז הער רב שטיל געזעסן און פארשטומט איז געווען זיין קול תורה, נאר געדאנקען האבן געעקבערט ווי ווערים דעם מוח און הארץ. אמבאהאלפן, האט זיך זיין שנור ארומגעדרייט אין שטוב און געזוכט א באהעלטעניש. איר אויג איז געפאלן אויפן הויפל. זי איז דארט ארויס און זיך ארומגעקוקט. ביים קעלער האט זי דערזען א ליידיקע שאפע, און זי מיטן קינד זענען דארטן אריינגעקראכן. זי האט די שאפע געפונען אלס גוטע בא־

העלטעניש. אבער זי האט באשלאסן ווידער אריינצוגיין. אין שטוב און וואהטן אויף ינדלען איר מאן.

אין הרויסן איז טונקעלער געווארן און קעלטער. אין גאס ווערט די שיסעריי גרעסער, הילכיקער, זי דערנענטערט זיך צום רב״ס שטיבל, און פארבייגיין, נעבן טיר הערט מען באשטיוולטע פיס שפאצירן, מארשירן, לויפן, פלוצעם קלאפט מען אין טיר. ניין, מען ווארט ניט אויף קיין ענטפער. די אלטע הילצערנע טיר איז שוין צובראכן, זיך אונטערגעגעבן. די קליינע שטיבל איז שוין אנגעפילט מיט ליטווינער, פארטיזאנער האט מען זיי גערופן. (ווייל זיי האבן אונטער דער רוסישער ממשלה געלעבט אין די ליטווישע וועלדער און געפירט מיט די רוסן א פארטיזאנער קאמף) בלויע פארשכורטע געזיכטער, בליציקע אויגן, פארבלוטיקטע הענט, זיי האבן גענישטערט אין דער ארעמער שטיבל. ספרים, אלטע ספרים, באלאדענע מיט יארן און דורות זענען געפאלן פון שראנק אויף דער ערד.

— „דאס איז די שטוב פון א ראבין״ — רופט זיך אפ איינער צום צווייטן.

— „אבער וואו זענען די ז׳ידיי,״ פרעגט א צווייטער. — „און וואו איז דער ראבין״ ? פרעגט א דריטער.

— „אט דא איז ער״ — ענטפערט עמיצער, „זיצט זיךביים טיש און מיינט אז מיר וועלן מיט אים שנאפס טרינקען״.

— „און אפשר מאכט ער כשוף דער פארשאלטענער ?״ — שרייט אריין א גראב שכור קול.

דער רב האט ארויסגענומען זיין טאשן טוך און עס אוועקגעלייגט אויף דער גמרא, און זיין הויכע געשטאלט האט א ציטער געטאן און זיך אויפגעשטעלט.

— „נו ראבין, ווייסטו אז פאר דיר האבן מיר עפעס ספעציעל מיטגעבראכט, און ווייל דו ביסט דער ראבין, וועלן מיר דיר אויך ווייזן וואס מיר וועלן טאן מיט דיינע אנדערע ברידערלעך. איצט איז אונדזער צייט, מיר וועלן אייך ווייזן, איר פון גאט פארשאלטענע עדה״.

א האק האט א בליץ געטאן, א קצבישע האק. דער רב האט פארשטאנען. זיינע ליפן האבן וידוי געשעפטשעט, און זיין קול האט מען ניט געהערט.

„ווארט ברידערלעך״ האט עמיצער אויסגעשריען לאמיר אים פרעגן, ביסט דא ראבין אליין ? און וואו זענען דייניקע ? איך בין שוין אין אלע צימערן געווען, קיינעם ניט געפונען !״

— „כי מלאה הארץ חמס״ — האט זיך געהערט דעם רב׳ס פעסטער קול ווי אן ענטפער.

— „חברים, לאמיר עס שנעלער מאכן. ער וועט אונדז נאך פארשילטן״.

„און איך האב געמיינט, מיר וועלן דא געפינען א גרויסע משפחה, טעכטער, שניר״.

— „נו, לאמיר נאך זוכן, ער וועט ניט אנטלויפן דער אלטער. און פאר זיינע קללות האט ניט קיין מורא, חברים מיר זענען דאך ניט קיין באבעס״.

— „ואתה צדיק״ — האט דער רב ווייטער געזאגט און זיין קול האט געק-



לונגען, שטארק און זיכער. די באנדיטן האבן זיך צושפרייט איבערן שטוב. דער רב האט זיך צוריק אוועקגעזעצט ביים אפענעם ספר.

* * *

יהודה האט זיך אויסגעניכטערט פון דער חלשות. ער האט זיך לאנגזאם אויפגעהויבן פון דער קלעפיקער מאסע, אבער ער האט געפילט אז די פיס ברעכן אים, האט ער זיך שנעל אנגעשפארט אן א שטענדער. זיינע אויגן האבן זיך שנעל צוגעוווינט צו דער טונקלקייט, אבער, אוי ווי צו די אויגן וואס זעען! זיין שטערן האט זיך באגאסן מיט א קאלטן שווייס . . . דער גאנצער דיל פון ישיבה זאל איז געווען אויסגעזייט מיט קערפערס, גרופעס און יחידים, ישיבה בחורים און בעלי בתים, פרויען און קינדער.

דא האט ער זיך אויסגעהאדעוועט יהודה, דא האט ער געלערנט און סמיכה געקראגן. זיין ישיבה, זיין טאטנס עדה! איז דאס דער סוף? און קבורה, קבר ישראל? ער וועט לויפן צום טאטן זיך שואל עצה זיין, דערציילן, כאטש ער וויל אים ניט ווי טאן, אבער קען ער עס, טאר ער עס, באהאלטן פון אים דעם גרויזאמען חורבן?

ער פארלאזט די ישיבה, ער לויפט שנעל. עס איז שוין נאכט. אויפן וועג טרעפט ער א ישיבה בחור, א חבר. זיי לויפן ביידע, זיי דערנענטערן זיך צום רב׳ס שטוב. מאדנע ליכטיק ביים רב. אלע לעמפלעך ברענען, ליכטיקער ווי אומעטום איז דעם רב׳ס צימער, און פלוצעם פילט יהודה א טיפן ווייטאג. דער טאטע קוקט מאדנע אין פענצטער.

— „ניין, עס איז ניט דער טאטע״ — שרייט ער אויס, „עס איז בלויז דעם טאטנס קאפ״.

די אויגן אפענע, קוקן צום הימל, דער גרוי זילבערנער בארד מיט בלוט באשפריצט, און די שווארצע סאמעטענע יארמולקע אויפן גרויען קאפ. זיין חבר האט אים ביים האנט א ריס געטאן: „גיי ניט יודל!״ אבער יהודה איז שוין אינעווייניק און שטופט זיך צווישן די שכורע גוים צום טאטן אין צימער. א פארחלשטער, איז ער צוגעפאלן צום טאטנס קערפער אן דער קאפ, וועלכער איז געזעסן ביים אפענעם ספר.

אזוי איז אויך יהודה אסאפסקי דער זון פון סלאבאדקער רב צוזאמען מיט זיין פאטער אומגעקומען. און זיין פרוי מיטן קינד זענען געשטאנען אין שאפע ביים קעלער און עס געזען . . .

מנחם שטערן

## תפלה פון א רעגן - טראפן

נישט ברען מיך מיט דיין פייער־פלאם,
נישט צעשטער דורך שטורעם־ווינט.
האסט ארויפגעברענגט מיך פון ים,
און געהייסן שטילן דעם דורשט פון רינד.

האסט מיר צוגעזאגט א פרומען ברונעם,
מיט א שטילן עמער אינדערמיט.

און שאף וואס וועלן דורשטיק קומען,
און בענטשן די טראפנס מיט זייערע טריט.

נישט ברען מיך מיט דיין פייער־פלאם,
נישט צעשטער דורך שטורעם־ווינט.
האסט מיך ארויפגעברענגט פון ים,
און געפרואווט מיט פייער און ווינט. —

## דאס ווייסע הויז

דאס ווייסע הויז פארנויגט זיין גרויען קאפ,
די שינדלדיקע, ווינט־געשמיסענע אייבערשטוב,
קעגן דער הארבסטיק־וואלקנדיקער נאכט,
וואס נידערט איבער וואלד און שליאך.

דער קוימען ווינט׳ס אטעם האסטיק פארציט,
מיט קרומע פאסמעס רויכן שרייבט א ליד.
די ערד לייענט מיט אויגן — וואסערדיקע גריבלעך,
מיט געלן שיין לייענען פענסטער פון שטיבער.

מיט דינע פארענטשעס — הענט
אנגעלענט קעגן בלאס־דערשטוינטע ווענט
קניען אין אנמאכט די שוועליקע טרעפ,
פון פארנאכט׳ס געוועב

א שמאלע גארטן־סטעזשקע קנוילט זיך ארויס,
און איילט צו הילף די טרעפ פון הויז — — —
א ווינט טרייסלט דעם קאלט־ברוינעם פארנאכט פון צווייגן.
ברייטע שטאמען וואקסן אריין אין גליוועך פון שווייגן. —

### שמואל ווהייט

## פאנטאזיע

זאל מיין פאנטאזיע מיר מאלען,
בילדער פון גרויסער דערהאבענהייט,
בילדער פון בערגער פון טאלען,
פון היינט פון מארגען פון דער פארגאנגענהייט.

זינג איך פון פייגעל וואס טאגן מיט געזאנג,
דורכגעדרינגען מיט צארט־צארט־צארטע טענער,
צעטראגען זיך מיט הארמאנישען קלאנג.
אין פאנטאזיע וועלטעל, שענער אין שענער . . .

היינט האט איין פאנטאזיע זיך צעשפאשט,
מיין נשמה מיט דערהויבענקייט אנגעפילט,
שוועב איך אין וועלטן אין אימת,
מיט געזאנג אין שענע טרוימען . . .



### יוסף לעפטוויטש

## מיין פארטרעט

מיין קליינע טאכטער גלעט גליצנשטיינס ביוסט פון מיר,
מיט אירע פינגער,
אזוי האט ער מיך סקולפטירט,
ווען איך בין געווען פיל יונגער.

איידער זי איז געבוירן געווארן,
איז גליצנשטיין שוין געווען טויט,
אבער זיין פארטרעט פון מיר איז געבליבן,
ווי איך בין געווען ייִנגערהייט.

ווען איך וועל אויך זיין טויט,
וועלן מיך מענשן זען,
ניט ווי איך בין איצט, אלט,
נאר ווי איך בין דעמאלט יונג געווען.

ניט איך וועל בלייבן,
נאר גליצנשטיינס ביוסט וועט זיין.
און מענשן וועלן זיך וווּנדערן,
ווי יונג איך בין געווען.

### א. נ. שטענצל

## „בראם“

א האלענדישע קי־שטאל איז א פאבריק; א האלענדישע מילך־קו — א פרעציז ארבעטנדיקע מאשין. אזויפיל און אזויפיל מילך גיט די קו, אזויפיל און אזויפיל גראד פעטס אנטהאלט די מילך. אזופיל קעלבלעך ווערן געבוירן איבערן ווינטער און אזויפיל וועגן מיסט וועט די שטאל געבן פאר די פעלדער און פאר די לאנקעס.

דער שטאלץ פון האלענדישן פויער און פון דער האלענדישער קי־שטאל איז די שטאם־בוך קו.

„מינער“ שכוינעפעלד האט נישט געהערט צו די רייכע פויערים מיט די גרויסע שטאלן שטאם־בוך קי, אבער ער האט זיך געשניטן אויף אזא איינעם; בעסער געזאגט, ער האט געוואלט מען זאל אים האלטן פאר אזא איינעם.

א שטאל מיט זעכצן קי ווארפט אפ א יאר, אויב עס גייט כשורה, א צוואנציק קעלבער. ווערט דאס אזוי געגרייט, אז מ׳ווייסט גענוי ווען א קו וועט זיך קעלבן. עס ווערט אלץ פארשריבן אין א בוך און גענוי דאטירט. דאס פירן די קי צום ביק ווערט אזוי קאמבינירט, אז דאס קעלבן־זיך זאל געשען אין די ווינטער־וואכן, ווען ס׳איז קיין ארבעט אין פעלד און אין סטאדאלע נישטא.

די קעלבער ווערן פארקויפט אויף פלייש און דאס בעסטע קאלב, מיטן

שענסטן קאפּ, מיטן גלייכסטן רוקן, האלט מען פאר דער שטאל. אזוי ווערט זי פארמערט איבערן ווינטער מיט א צוויי־דריי מילך־קי.

און אז די שטאל ווערט גרעסער, מוז די לאנקע, דאס פעלד, דאס היי, די שעצקע מארגרעסערט ווערן — עס מוז זיין גענוג רוי־שטאף פאר דער „פאבריק", אז זי זאל קאנען ווי געהעריק „ארבעטן".

קומט צו א בהמה אין דער סטאדע, מוז מען „אורבאר" מאכן א שטיק קרקע־בתולה ערד. אזוי גייט עס חוזר־חלילה, א ראד וואס דרייט זיך אין א גוט־געשמירטער מאשין — יעדע ראמאנטיק הערט אויף! א האלענדישער פויער איז פראקטיש, זאכלעך, בארעכנט און אויסגערעכנט.

מ׳מעלקט צו דער מינוט, מ׳פאיעט און מ׳קארמעט אויפן זייגער. די שעפלעך און די עמערס, די קאריטעס און די ריוון געפוצט און גערייניקט — עס בלאנקט! עס איז נישט קיין שטאל, עס איז א לאבאראטאריע —

דאס איז געווען די אמביציע פון „מינער" שכוינעפעלד — א קנעכט ביי א יונג־פארשטארבענעם פויער, וואס האט חתונה געהאט מיט דער יונגער אלמנה — ער איז כיטרע גענוג עס צו דערגרייכן! „מילקא" איז שוין דער ניינטער דור א מילך־קו, א שטאם־בוך קו.

„מינער" שכוינעפעלד איז אמביציעז, איז כיטרע, אבער זיך אליין נארן קאן מען דאך נישט: זעט ער דען נישט, אז מילקאס אראפהענגענדיקע אייטער איז גרעסער ווי איר בויך; אז איר רוקן ווערט פון טאג צו טאג איינגעבראכענער, אירע אויגן אויסגעלאשן? זי כראמקעט און כראפעט און פראכט א גאנצן טאג . . . און דאס דעכען? א צער בעלי־חיים!

זי גיט טאקע זעכציק קווארט מילך א טאג, מיטן העכסטן גראד פעטס פאר אזויפיל און אזויפיל פונט פוטער, אבער „מילקא" איז מסתם שוין טובערקולאז — אן אויסגעארבעטע „מאשין"! זי פראכט ווי א שווער־לייביקע, גוידערדיקע פרוי, וואס איז זיך מישב אויף די עלטערע יארן און פארגייט אין טראגן.

„מינער" שכוינעפעלד ווייסט אין א שטאם־בוך שטאל מוז אלץ בלאנקען, מעש און קופער, די עמערס און די קאנען. נישט נאר דאס פעסל, דאס שאף און דער שקאפיעץ מוזן פינקלען — אלץ מוז זיין היגיעניש און אונטער קאנטראל. די קי געפוצט און געוואשן ווי די פאציענטן אין א שפיטאל. אין אזא שטאל איז בישט שייך סעזאן־צייט, זומער און ווינטער איז דא צו טון.

אז ער האט געהערט, אז איך וויל מיך ביי אים „פארהויערן" ווי א „קנעכט", האט זיין כיטרע פנים אויפגעשטראלט און זיינע פארפעצטע אייגעלעך האבן געלויכטן ווי קאגאניקלעך אין א גלאז אייל: ער איז ביי זיך אין די אויגן געוואקסן ווי זיין שכן דער גרויס־פויער, וואס ביי יענעם אין שטאל האדעווען זיך א פופציק קי און איינס ביי איינס שטאם־בוך בהמות —

אמת, זיין שכן האט טאקע א מאדערנע שטאל, פון אויבן ביז אראפ צעמענט, עלעקטריש באלויכטן, די זלעוון און די ריוון ווערן גערייניקט מיט וואסערשפריצן, דאס מיסט דורך קאנאלן דירעקט אויף די לאנקעס און פעלד



ארויסטראנספארטירט. אפילו געמאלקן ווערן די קי עלעקטריש . . . אבער אין איין טאג איז אמסטערדאם אויך נישט אויפגעבויט: איינציקווייז, בהדרגה . . . „מילקא" איז שוין א שטאם־בוך קו . . . און א „צענטריפוגע" האט ער אויך שוין . . . נאטירלעך, אז איך „פארהויער" מיך פאר א „קנעכט" אין אזא שטאל — ער זאגט נישט ארויס דאסווארט שטאם־בוך, אבער אין דעם ווארט „אזא" ליגט עס שוין — מוז מען ארבעטן, איז מען פאראנטווארטלעך „אין דיין שפיטן, צוויי שפיט טיף, וועט אויך נויטיק זיין", האט ער צוגעלייגט מיט א כיטרע־כאכלדיק געלעכטערל. און די אייגעלעך האבן זיך שמאלציק געטובלט.

און ער האט געהאלטן ווארט! אין די צוויי ווינטער־חדשים האבן שכוינעפעלדס זעכצן קי זיך אזוי געקעלבט, אז יעדן דריטן טאג איז אן אנדערע געלעגן אין קינפעט. נישט אלעמאל איז עס געגאנגען לייכט, א מריטשע און א קעלבל איז געבוירן, די מוטער לעקט עס ארום און ס׳שטייט שוין אויף די וואקלדיקע פיס: מעע. כאטש נעם און מעלק עס אויס . . .

אפטמאל האט מען זיך אפגעמארדעוועט א גאנצע נאכט, געצויגן דאס קינד מיט שטריק. די מוטער גייט אפּ אין בלוט, מ׳לויפט נאכן וועטערינאר — זי סאפעט, פראכט, ווערט דערשטיקט — מאנכע נעכט זענען געווען וואך־נעכט, ווי ביי א קימפעטארין, און ארום די קי העלפן צו. דער ביק ווי ער וואלט ממש געוואוסט, אז ער איז דאס דער שולדיקער אינם גאנצן עסק, רייסט זיך אויף דער קייט און מען מוז אים כסדר איינשטילן.

אבער חוץ די שווערע וואך־נעכט זענען די טעג געווען אויסגעפילט מיט שווערער הארעוואניע — ארבעטס־טעג פון פערצן שעה א טאג: מעלקן דריי מאל א טאג, פיטערן און פאיען, פוצן און וואשן די קי, די קעלבער, רייניקן און אונטערבעטן, שלעפן די ביגטן שטרוי פון שייער, די היי־סנאפעס פון בוידעם, פוצן די מיסט ריוון, דאס מיסט מיט דער טאטשקע ארויספירן ווייט אויפן הויף צו דער מיסט־קופע, שניידן שעצקע, „מישן" אבראק, קערן דעם פאדוואוזש און דעם הויף, פארזארגן די קיך און די שטוב מיט האלץ. און ווי די ערד האט נאר אויפגעטייעט, דאס מיסט ארויספירן און טאקע „שפיטן", פארגרעסערן די אקערס מיט א צוויי מארגעס.

אז מ׳ארבעט אפּ אן אכט־ניין וואכן עבודת־הפרך אין „אזא" שטאל, ווערט מען א קנעכט, אן „אנטעק" מבטן ומלידה — א פארביק אויף א פאלווארק! די גראבע עסעכצער, די זויערע און חזירישע ריחות, דאס אוועקפאלן שפעטער אין בוידעם־קעמערל איבער דער מיסט־דאמפנדיקער און בהמות־שוויצנדיקער שטאל — מ׳כראפעט און מ׳סאפעט אויפן געלעגער אויבן ווי די בהמות אונטן אויפן אויסגעבעטן שטרוי, ביז מ׳ווערט אויפגעריסן פון הארטן, פארחמורטן שלאף — דער אלטער יאן דוכנט איבער דיר מיטן מילך־שקאפיעץ: „בראם"!

ס׳האט געדויערט וואכן ביז איך האב מיך צוגעוואוינט צו דער אכילה גסה, צו דעם אבראק־אנבייסן — גארנישט אנדערש ווי פאר די בהמות! די שיסל זופּ, וואס איז געשטאנען אינמיטן טיש און פון וועלכער מיר אלע, יאן און הענדריקעס, די בעלי־בתים און די טאכטער, האבן געשעפּט מיט די לעפ־

לען, איז געמאכט געווען פון דער זעלבער קלאַיען — ס׳איז נישט נאר „כאכילתכם כן עבודתכם״, נאר אומגעקערט אויך: אז מ׳ארבעט ווי אן עבד, פרעסט מען ווי א כאם.

ווען איך האב מיך דערטאפט, בשעת מינער שכוינעפעלד האט געזאגט זיין תפילה פארן עסן, אז איך לאז אַיך אראפ מיינע אויגן ווי זיי, און מיטאמאל דערזעען ווי מיין „פעט״ ליגט אויך ביי מיר, ווי ביי יאנען און הענדריקסן, זייערע הינטלעך, צווישן מיינע קני, האב איך שיער אויפגעשריגן פון א שרעק, וואס האט מיך ארומגעכאפט.

בין איך געשטאנען אין שלאטן און געגראבן, איז ווי שווער די ארבעט איז נישט געווען, האב איך מיך געקענט יעדע מינוט א שטעל־אנידער געבן מיט מיינע הענט אויפן הענטל פון שפאטן און א טראכט־אדורך געבן א געדאנק, אן איינפאל, א טעמע ביזן סוף — נישט וויכטיק דאס אויפשרייבן, ס׳איז דא אין קאפ גאנץ און קיילעכדיק! — ווי אין דער היים גייענדיק פון בית־מדרש און אין איין כהרף־עין א נעם־אדורך געגעבן א סוגיא מיט אלע פלוגתות און מפרשים. דא אין שטאל האב איך געפילט, אז איך ווער פארחמורט, דער מוח מיינער ווערט מטומטם — ס׳לשון ווערט מיר אפגענומען.

שטיין בלייבנדיק מיטן גרויסן בעזעם, קערנדיק דעם שטאל־ריוו און דאכט זיך שוין פארטיק, גיט א קו מיטאמאל א הויב אויף דעם עק — אזוי עקסטרע, אויף להכעיס! — און מ׳מוז ווידער אנהויבן — אודך! האלטסט שוין דעם בעזעם צו געבן איר איבערן קאפ, איז עס גאר „מילקא״ און זי קוקט דיך אן ווי אן אפגעכוימלטע בעל־ביתטע אין ווייבער־שול אויף דער ערשטער באנק, מיט אירע מעלאנכאלישע אויגן: דו זעסט דאך אליין, כ׳בין אזא לא־עליכמדיקע... א גאנצע מאשין.

האלטסט דעם עמער וואסער דעם ביק פארן פיסק, הויבט ער אים ארויס א פארגאווערטן, די צונג בלעקט לאנג און רויט און איין אייגל קוקט ער אויף דיר: גוטער ברודער... און דו נעמסט אים גראבלען אין קענזשער.

מ׳איז קיינמאל נישט אליין, אויגן היטן דיך, ווילן עפעס פון דיר... שטומע צונגען האלטן אין איין מאנען.

אויפכאפנדיק מיך פארטאגס, כאפנדיק שנעל דעם מילך־עמער מיטן מעלקבענקעלע און מיך זעצנדיק אונטערן ווארעמען בויך פון דער קו, ווער איך אדורכגענומען מיט איר ווארעמקייט און מיט איר ריח — כ׳נעם אליין אן איר גערוך, בלייבנדיק זיצן אזוי א רגע אנגעלענט מיטן קאפ אויף איר לייב, וואלט איך זיכער תיכף צוריק איינגעשלאפן און מיטגעכראפעט מיט דעם בויכיק גרימפלדיקן מעלה־גירהן, ווען נישט יאנס: „בראם!״, דערלאנגענדיק מיר א שטיק קיי־טאבאק צו מעלה־גירהן אזוי צוזאם מיט דער קו איבערן מעלקן אדורך.

איינמאל א פארשלאפענער אזוי, אוועקטראגנדיק א פולן עמער מילך פון א קו צו דער צענטריפוגע, צוגעלאפן צום בית־הכסא — מסתם נויטיק געהאט, נאר פארביטן די יוצרות — און א כליאפע־אויס געגעבן דעם גאנצן עמער.



דער גוטער יאן האט זיך געמאכט ווי ער וואלט עס נישט געזען.

יאן, דער קנעכט, איז נישט געווען דערעק דער גערטנער. אוועקגעלייגט די ארבעט, דעם שפאטן, דעם „פאטער״ און געווארן א פרייער פויגל. דער אלטער יאן האט אליין אויסגעזען ווי אן אלטע בהמה, מיט אן אראפגעלאזענער מארדע, מיט אראפהענגענדיקע, וואמפיקע באקן, מיט א גוידער, א גאנצן גייענדיקן טאג געמעלה־גירהט זיין קיי־טאבאק. יעדע בהמה אין שטאל האט ער געקענט אויף איר אייגענעם אופן; זיך איבערגעקוקט מיט איר און געוואוסט וואס זי וויל, וואס איר פעלט. אויך מיך האט ער דערפילט מיט אלע מיינע שוואכקייטן. אבער אלץ שטום — א ברום, א מרוק: און אין אמר ואין דברים...

„בראם!״, האט ער מיך געקענט אויפוועקן אינמיטן דער נאכט: „מילקא״. גענומען דעם עמער און אראפ אין שטאל, „מילקא״ ליגט, פראכט און סאפעט און פאכעט מיט דער נשמה. צוויי עמערס האט זי אויסגעזשלאקעט איינעם נאכן אנדערן.

דער ביק אין זיין אפגעצוימטן ווינקל האט זיך א ווארף געגעבן אויף דער קייט, ווי איינער זאגט: אז מען גיט שוין יא א טרונק, טא מעג מען מיך יאקאש אויך אין זינען האבן. ער האט זיך געפוילט אויפצושטעלן. אין די שאקלדיקע שאטנס פון דער אראפגעדרייטער לאמטער, זעט ער אויס ווי עפעס אזא מעטאלענער בארג, א מוראדיק צעגלאנצטער. צוקומענדיק צו אים מיטן עמער, קוקן אויף מיר די צוויי אויגן אזוי מענטשלעך־דאנקבאר.

זונטאג איז געווען זיין טאג! די פויערים זענען געקומען צו אים מיט זייערע קי. יאן פירט אים ארויס פון זיין אפצוימונג. ער גיט א ניוך ווי א מין טיפן זיפץ, די ווארטנדיקע קו שטייט שטיל, ווי זי וואלט זיך איינגעקארטשעט. ער טוט אפ זיין שטיקל ארבעט אן שום באגייסטערונג. איך בלייב שטיין אנטוישטער... אלץ פראקטיש, אזוי זאכלעך. א „שטאם־בוך״ קו — עס ווערט איינגעשריבן גענוי די דאטע.

אין איינעם א זונטאג, יאן גרייט צו דאס אקעראייזן — די ארבעט אויף די פעלדער האט זיך שוין אנגעהויבן, ביים רייכן שכן איז שוין באלד פארענדיקט — קומט א פויער מיט א קו. „בראם!״ שרייט ער מיר צו. עס מיינט פיר ארויס דעם ביק, דו זעסט דאך איך האב פולע הענט מיט ארבעט.

עס איז אפילו נישט כדי שיעשה זיך מישב צו זיין. די קו שטייט שוין א שטילע, א ווארטנדיקע, אן איינגעקארטשעטע, פון אפגעצוימטן קעמערל הערט מען שוין דעם ניוך פון ביק, דעם טיפן זיפץ... איך פיר אים ארויס! אלץ איז געגאנגען כשורה, נאר א גאנצן נאכמיטאג דערנאך דרייט זי זיך מיר פאר די אויגן, דאס איבערגעוואקסענע זעכצן־זיבצן יאריקע פוכלע טעכטערל א זונטאגדיק אויסגעפוצטע, אזא יאלעווקע אויף דער צייט. גיי איך צו יאנען אין פערד־שטאל, זי איז דא! און פון הארץ רייסט זיך מיר עפעס אזא מין זיפץ, אזא טיפער ניוך, ווי פון סאמע הארצן ארויס...

„בראם!״ גיט ער א בייזן ברום — עס מיינט: איך וועל שוין אן אייךביידע דא פערטיק ווערן... גיי דאך ארויף, כאפן דיין זונטאג־דרימל...

ביים זונטאג־מיטאג, איבער פעטע און זיסלעכע מאכלים אנגעלייגטע אויף די טעלער צום עסן ביז צום צעפלאצט ווערן, האט „מינער" שכוינעפעלד געלייענט שמאלציק־פייערלעך א קאפיטל פון דער ביבל. און די אלטע האט לא כנדיק ווינקענדיק געדרייט מיט די זשאבע־אויגן און ווי געמעלה־גירהט מיט די ליפן — ס'איז אלץ געווען אזוי פראסט, אזוי זאכלעך, אזוי פראקטיש. דאס עסן איז געווען מיט ישוב־הדעת און דאס זונטאגדיק אויסגעפוצטע פוכלע טעכטערל האט בהמיש געקוקט אויף מיר און געהאלטן אין איין כיכעדיקלאכן.

צי האט נישט נקדימון, א רייך זונדל פון א פאלעסטינער קאלאניסט, אהערקומענדיק דא לערנען ביים רייכן שכן צו ציכטן האלענדישע שטאם־בוך קי און מיטגענומען זיין טעכטערל אין הייליקן לאנד אריין ? . . .

כ'האב געפילט : גיי איך יעצט ארויף אויפן בוידעם־שטיבל צו כאפן מיין זונטאג־דרימל, בלייב איך שוין א קנעכט, אן עבד לעולם וואס גייט שוין קיינמאל נישט ארויס „לחופש", וואס וועט נישט נאר זאגן „אהבתי את אדוני, את אשתי", נאר צומאל די בהמה, וואס כ'קארמע, וואס כ'פאיע, וואס כ'מעלק . . . כ'בלייב א יאן מיט אן אראפהענגענדיקער מארדע . . . אן אבר מדולדל אפגעריסן פון שורש . . . פון דער היים פון טאטן בין איך דאך שוין אוועק . . . אינגאנצן ! אפילו אויף די בריוו נישט געענטפערט . . . און דא פון לעצטן צווייג כ'בין שוין אפגעבראכן . . . זיי זענען כשר גערעכט . . . אפילו דער פאטש איז געווען אויפן פלאץ — זיין ווייסן וואס זיין ווילן ! איין תקווה נאר דא פאר מיר : נע־ונד, כף־הקלע, אזוי ווי כ'שטיי און גיי, אפילו מיך נישט אויסצודרייען — ערגעץ־ווו מוז מען דאך זיין גאנץ !

דער דרויסן איז געווען א וואונדערלעכער ערב־פרילינג : דער אויסגעקיילעכדיקטער הימל אן א פלעקל. די קלארע, זיך־רויטלענדיקע זון, וואס לאזט זיך שוין אראפ צום האריזאנט שטייט ווי דער ציל־פונקט. די שטייענדיקע ווינטמילן מיט די צעשטרעקטע הענט ווייזן דעם וועג. און דער גלייכער שאסיי צווישן די לאנקעס, צווישן די ליידיקע פעלדער, פירט דירעקט אהין . . . און איך גיי מיט אזא געהויבנקייט, מיט אזא אנטשלוס, מיט אזא פריילעכקייט אין מיינע פיס, אין מיינע געזונטע ליטקעס, אין מיין גאנץ לייב און עס זינגט זיך אין מיר דער הדר־ניגון : „אם בגפו יבוא בגפו יצא". עס זינגט מיט אלע זיינע אויסריידענישן און די פליענדיקע „גאפעס" איבער מיין קאפ ריידן מיט ארויס — אזא נארישע פרייד אין מיר : זע נאר, שיין איז די וועלט און דו האסט גארנישט געוואוסט. איך אטעם טיף איין די ריינע קאלטע לופט.

הינטער מיר דאס ווינטל יאגט מיך אונטער און פאר מיר די אונטערגייענדיקע זון א צעשפילטע אין קאלטע, גליווערנדיקע קאלירן. איך ציטער אביסל אונטער און מיין שריט ווערט נאר שנעלער, נאך זיכערער, נאך ציל־באוווסטער . . .

ווי כ'בין געשטאנען און געגאנגען אזוי, בין איך ארויס פון דער שטאלטיר. דער „פעט" זיצט וואוילעריש אויף מיין טשופרינע, די פאר זילבערנע גולדן, וואכן־געלט, קלינגען אין מיין טאש . . . אן א פאס, אן שפראך, די



פאר האלענדישע ווערטער אין מויל, מער מיט „מילקא" און מיטן ביק מיך צו פארשטענדיקן ווי מיט א מענטש . . —. איך האב געפילט די ערד אונטער מיינע טריט און דעם הויכן ריינעם הימל איבער קאפ.

פארלוירן וועל איך שוין נישט ווערן : א גארטן־ארבעטער, א שפיטער, א שטאל־קנעכט, א מעלקער : „בראם !" דו וועסט דיר שוין דיין שטיקל ברויט ערלעך פארדינען וואו נאר דו וועסט דיך אפשטעלן אין שטאט צי אין דארף. אלע דיסקוסיעס „איבער שטאט און דארף" קומען שפעטער — אלץ ווערטער ! קודם די אייגענע צוויי הענט און אלץ איבריקע — מויל מלאכה !

איך גיי, פאר מיינע אויגן גייט די זון אזוי וואונדערלעך אונטער — ווער קאן דאס אויסמאלן מיט ווערטער ? ! איבער מיין קאפ גייט א פולע לבנה אויף — עס מוז איצט זיין ארום פורים ! עס שמעקט מיט אויפגעריסענער ערד. די פארגליווערטקייט אין מיר טייעט אויף, עס טראפט אין מיר אזוי מאנטנע, טראפ נאך טראפ :

ניין, צוריק אהיים צו טאטן קען איך נישט . . . דארט איז נאך די פרה־אדומה אן א מום — אינגאנצן א רויטע ! דארט איז דער ביק נאך א ווילדער, א שור שנגח את הפרה — א שור המיעוט, א שור־הבר ! דארט איז דאס גן־עדן . . . ניין, אין גן־עדן אריין קאן איך שוין נישט צוריק — —

פארן חלוצים־הויז אין טוועלא הענגט די חרב־המתהפכת ! ווי זי שלייפט זיך, די דיסקוסיע, שארפער און שארפער : פריוואט־ווירטשאפט ? קאלעקטיוו־ווירטשאפט ? און איצט ערשט דער ראזענבלאטיזם מיט דער געמישטער ווירטשאפט —

איך צעלאך מיך, נישט איבער ראזענבלאטן, חלילה — איבערן שטארקן ביק, וואס איך פיר אים מיט א קייט אין דער ליפ צו באשלאפן די זעכציקליטערדיקע „שטאם־בוך" מילך־קו, „מילקא" מיטן איינגעפאלענעם רוקן, מיט די אויסגעלאשענע אויגן — כאטש א פאר שפאקולן איר אנצוטון ! דער ביק, דער צעגלאנצטער שטאל־בארג — א רעדל אין דער פלייש־מאשין, אין דער מילך־פאבריק . . .

דאס געראנגל פון עשיו דעם איש־ציד און יעקב דעם איש־תם האלט זיך ערשט אין צעפלאקערן צווישן דעם עם־הספר און די פירער פון די שטאם בוך קי . . .

נאך דעם מארש פון א פופצן־צוואנציק וויארסט בין איך שפעט ביינאכט זיצן געבליבן אין א דארף־שענק ביי א גלאז ביר און א לחמא־ברויט און נאך צוויי חדשים גענומען ענטפערן דעם טאטן אויף זיינע בריוו :

„טאטע, עס מוז נאך אביסל דויערן ביז אלץ וועט קאנען געמאכט ווערן על ,צד היותר טוב' . . . דו שרייבסט מיר כ'זאל צוריקקומען, ס' וואלט געווען א ,גלייכע זאך פאר אלע צדדים' " — „דער זעלבער שווארצער... טשעלאדזש".

אין דעם, וואס איך האב געשריבן, איז נישט געווען א תשובה אויף מיין טאטנס בריוו, נאר אויף אלע מיינע פראבלעמען. עס איז געווען דאס אנגעזאמלטע אין מיר אין די פארביסענע וואכן . . . עס איז געווען א פאר־

ענטפערונג פאר דעם צעבראכענעם און אנטוישטן זייגערמאכער־פליט מיט דעם „קריסטוס"־פאטש — עס איז געווען א מין שלוס און אנטשלוס און אזא נייער אנהויב. עס האט זיך געגראמט און נישט געגראמט און אסך אליין נישט פאר־שטאנען וואס איך שרייב — — —

דער דארף־שענקער שטייט איבער מיר: „ביסט שוין פערטיק מיט דיין ליבע־בריוו? זעסט נישט, אז קיינער איז שוין נישטא און איך לעש אויס דעם לאמפ?" ער קוקט מיך שארף אן: „כ'זע דאך, אז דו ביסט גאלע, גיי ארויף אין שייער און שלאף דיך קודם אויס. מארגן וועלן מיר ווייטערריידן . . . דו ביסט נישט קיין היגער" . . .

איך האב שנעל מיין געשרייבעכטס געלייגט אין דער הויזן־טאש אריין און אים אנקוקנדיק געזאגט, בעסער געזאגט א מרוקע געטון: „בראם"!

ער האט שוין ביי מיר נישט געמאנט פארן ביר מיט דער לחמא־ברויט מיט פוטער, און מיין „בראם" האט געמיינט: מילא, קיין פאס, אבער אן אדרעס מוז איך האבן. די מאמע אין דער היים וועט דאך אויסגיין, אז זי וועט פון מיר קיין בריוו נישט קריגן . . . די גאנצע נאכט אויף מיין געלעגער אויפן היי־בוידעם איז געווען איין גרויס ליד — א בריוו צו דער מאמען.

* * *

אויפגעכאפט האב איך מיך פון א קנאל פון א בייטש אונטן אויפן הויף און פון א שטראל ליכט פון בוידעם־פענסטער, וואס האט געבלאנדזשעט אויף מיין פנים, אויף מיינע אויפגעריסענע אויגן, אויפגעריסן אינמיטן א חלום: הינטערן אקעראייזן גייט דער אלטער יאן, איך פאכע מיט דער בייטש איבערן פערדישן קאפ ביי דער זייט, האלטנדיק די לייצן. מיינע קלומפן זענען אזוי פאר קלעבט מיט גרודעס ערד, אז מיין קאפ גרייכט אזש ביז צו דער זון. „בראם!" גיט א הילכיקן קנאל די בייטש און איך זינק און זינק, מיך אנכאפנדיק מיט די הענט אין היי־סנאפעס ארום מיר. (המשך קומענדיקן חודש)

## געוויין אין דער נאכט

וואלט איך נאך געקענט פעסטהאלטן בלויז,
דאס געוויין פון מיין חלום היינט ביינאכט;
ס'געמיאוקעץ פון דער קאץ ס'וואלט געווען,
א מעוברתדיקע מיט שווערן טראכט.

זי האט מיך ווי אפגעווארט די קאץ,
און ווי א מענטש האט זי גערעדט צו מיר,
און פאר איר פייכט ניוכנדיק נעזל,
מיט א קלאפ כ'האב צוגעמאכט די טיר.

ערגעץ אונטער שניי מיאוט לעצט קעצל,
מיט איר לייב מאמע־קאץ טוליעט עס איין;
מיט די טויט־געפרוירענע קעצלעך,
געבליבן פארגליווערט מיין טרוים־געוויין.



וואלט איך עס נאך געקענט פעסטהאלטן — —
כ'האב דיך נאך געזען, ווען כ'בין אויפגעוואכט,
ווי פון א שווערן קלאפ פון א טיר,
ווי פאר מיין נאז ס'וואלט זי ווער צוגעמאכט.

## איז עס דער פרילינג וואס שטייט שוין אין פענסטער?

ער שטייט נאך דיין בלומען־טאפ אויף דעם קאמין,
בליט און בלאט פארוועלקט, פארוואנעט, צעשאטן,
בלויז איך זע דיך נאך אלץ ווי דו געשטאנען,
ביי דער טיר, איידער די שוועל האסט באטראטן.

האלב־אויפגעהויבענער בליק, דער באגריס־בייג,
דאס שמייכעלע באוועג פון דיינע ליפן,
דיין בויגנדיקער טריט אריין אין מיין שטוב,
מיין הארץ — א קינד אנגעהויבן צו היפן!

א מינוטע ס'האט דיר אקענגעטאנצט —
א ניגון פון ערגעץ־ווו אנגעצויגן!
צוויי זומערפייגעלעך איבער די בלומען,
גאלדן־גרין בלוי־געפלאטערט דיינע אויגן.

טעג, נעכט, וואכן דער רעגן אויף די שויבן,
דעם לאנגווייליק־לאנגען, דעם ווינטער קאלטן —
וואלסט דו נישט ווי א פרילינג־ווינט געקומען, —
איך ביז אצינד צי וואלט נאך אייסגעהאלטן?

ס'שטייט דער בלומען־טאפ פארוועלקט אויף דעם קאמין,
בלויז מיין שטוב פול איז מיט בשמים־גערוכן — —
איז עס דער פרילינג, וואס שטייט שוין אין פענסטער?
אדער דו באלד ווידער — דיינע באזוכן?

## פ ר י ל י נ ג

פאר נ.

. . . אז אלע יאר ס'געשעט ס'זעלבע נס,
בלומען גייען אויף פון הוילער ערד,
און דאס געוואלטיק גרויסע וואונדער:
גאנצער הימל אין בלויע בלום ווערט!

ווי שיין אויפגעגאנגען מוזט דו זיין,
אז ביז דא אהער דיין ריח איך הער — — —
און איבער אלע נסים דאס נס:
אליין אצינד א קליין בלימל כ'ווער —

ווי ס׳בלויען דאס מיינע שווארץ־אפלען,
מיינע גלידער שטרעקן זיך צעבליט — —
פליט נישט צו מיר א קליין פייגעלע
און פיקט אפ פאר דיר א פרילינג־ליד ?

## זון - אויפגיי

א שעה נאך איידער די זון גייט אויף,
טשוויטשערט ערגעץ ווו דא אויף א דאך,
א פארוואגלט פארבענקטער פויגל — —
מיט פארמאכטע אויגן ליג איך וואך.

עמעצן רופט ער, ווער עמען זוכט ער,
איך הער עס פון יעדן טשוויטש ארויס ;
פארשוויגן געווארן מיט אמאל — —
און אייביקייט די שטילקייט זעט אויס.

וואס געזוכט ער האט, געפונען מסתם,
מיטן ערשטן שטראל פון זון אויפגאנג ;
פארמאכטע אויגן צי איך ווייטער,
זיין פארוואגלט, פארבענקט זיפץ־געזאנג.

א ניגון וויגנדיק, פלאטערדיק — —
בין איך וואך, חלום איך, שלאף איך איין ,
ס׳שאקלט זיך מיין שטיבל — א קלאטקע,
אויף גילדן פעדמל זונען־שיין.

## שוואלבן וויגן - ליד

אונטער א קראקווע פונם דאך,
א שוואלב אויפגעבויט איר נעסט ;
מיטן דזשוב ציגויפגעדזשאבעט,
ווי פיין־געראטן ווי פעסט.

נעכטן, אייערנעכטן און היינט,
די אייער דערין געלייגט,
זיצט זי אויף זיי גליט זיי בריט זיי,
פארמאכט ס׳אייגעלע און שווייגט.

מיט אמאל ברעכט זיך א שאל,
א שוועלבל פיקט זיך ארויס,
פיל מיט געזאנג נישט בלויז ס׳נעסטל —
ס׳גאנצע אומעטיקע הויז :



מאמע שוואלב לוליעט ס׳עופלע,
פישטשעדיק זיך אויסגעבריט ;
טוליעט עס אונטער פליגעל —
מיט איר שוואלבן־וויגן־ליד.

## זון - פארגיי

ווען צו מיין טרויער־פערגראטעט פענסטער,
א צעשטראלטע די זון איז דערגאנגען,
מיין סוכה־צעשאטנט טונקל שטובל —
אויסגעבלאזענע אייער באהאנגען.

אויסגעפיקט פייגעלע, קוים פישטשינדיק —
מיין הויל־צעהילכטער קאפ פול געזאנגען !
פארנאכט שפרינגט קאץ ארייך דורך פענסטער־גראט,
לעצט פייגעלע געווארגן, געפאנגען.

ווארפנדיק מיך אין מיינע חלומות,
האלבע נאכט צום מילך־וועג שוין דערגאנגען ;
געקענט בלויז מיט ציטער פון מיינע הענט,
דאס טעלערל פון הימל דערלאנגען — — —

## דזשונגל

„די ארעמ־מאלצייט"

וויקלט זיך א שלאנג אויף האלדז פון זשעראפע,
טויט־פארכשופט, אין איין שרעק בלייבט זי שטיין ;
אירע שלאנק־פלינקע פיס הויבן זיך נאך קוים,
ס׳שאקלט איר קאפ : זאל שוין זיין וואס ס׳וויל זיין.

אן עגדעש אויף אלע פיר, אויף ווייכן בויך,
ווי א בליץ דורך דער טונקלביש א שיין,
א מארדער מיט זיין פארציקט מייזל אין מויל,
ביידע אינמיטן גיין א שלונג ארייך.

דער העלפאנט צעטרעט א ווילדן בין־שטאק־נעסט,
שארט מיט דער נאניע און שלינגט עפעס איין ;
ער באלעקט זיך זיס און א צווייטע שוין ער זוכט,
מיט אויגעלעך קאלטע אינמיטן גיין.

צאפלט ווילד דער געהערנטער בופל־אקס,
צווישן טיגער־גראטשעס און שארפע ציין ;
ראנגלט זיך, רעוועט און הערט זיך גרויליק צו,
ווי עס קנאקט מארכיש זיין זאפטיק געביין.

א לעמפערט יאגט זיך נאך אן אוראנג־אוטאנג,
ווי א מענטשן־קינד וויינט ס׳מאלפעלע קליין — —
שטעקט א טשערעפאכע ס׳קעפעלע ארויס,
וואס אזוינס טוט זיך דא וויל זי פארשטיין.

מיט זיין צעריסענעם קרבן אין ארעם,
טאנצט דער בער אין „ארעם־מאלצייט“ אריין ;
פון צווישן צווייגן א פאפאגיי פלאפלט,
שרעק־פארגליווערט : „ווי געוואלטיק, ווי שיין“.

ראטעוועט זיך דאס גאלדענע פייגעלע,
אויפן שפיץ פון העכסטן בוים בלייבט עס שטיין,
און איבער לייב־געבריל און וואלף געוואיע,
גיסט זיך אזא זיס געזאנג זיין געוויין.

בלייבט דער אדלער שטיין אין מיטן זיין פליען,
א רגע צום געזאנג ער הערט זיך איין,
פלוצלינג זיינע ברייטע פליגל א צעשפרייט,
און גאנצן וואלד א פינסטערניש הילט איין.

## „א חתונה“

„א חתונה, א חתונה“,
פון ארבע רוחות אנגעפלויגן ;
איבער אלע שבעה ימים,
אין גאנצע מחנות אנגעצויגן.

מיט עופעלעך, מיט שוועלבעלעך,
אין די פיסקעלעך צו דערלאנגען ;
גאט צו דאנקן אנגעקומען,
מיט זשמעניע בלויז געפליקטע זאנגען.

א טשוויטשערן, א טרעלירן,
מ׳פריווט די כלי, מ׳לאזט זיך הערן ;
און דער סאלאוויי צעלאזט זיך,
נישט מיט טענער — ער טריפט מיט טרערן.

א וויינענדיקס צום באדעקנס,
ער גרייט זיך דאס צו דערלאנגען ;
נישט איין הארץ ס׳וועט איבערבלייבן,
פון מסיקות נישט אויסגעגאנגען.

אז דער לייב מיט דער לייבעכע,
זייער חתונה גייען פראווען,



קומען פון אלע פינף וועלטן,
די בארימטע זינגערס זיך יאווען.

וואס ס׳טוט זיך אונטן אין דזשונגל — — —
אויבן דער הימל פול געזאנגען !
זיי האלטן אים אויף די פליגל,
א חופה אויף גילדענע שטאנגען.

ס׳שעמערירן זייד און אטלעס,
פון די פעדערן די קאלירן ;
באלד צינדן זיך די ליכטלעך אן,
קאנאריק קנאקט שוין ס׳אונטערפירן.

מחותנים, חתן כלה שוין,
די חופה ארונטערגעגאנגען ;
ס׳טעלערל פון הימל שטייט גרייט,
די גילדענע יויך צו דערלאנגען.

## צוויי פערד

דיינע צוויי פערד, ניוכנדיקע, אויף מיין קאמין,
אין מיין גרוי־קאלטער שטוב — אויף לאנקע גראזיק גרין ;
און דאס פלעטשערדיקע טייכל צווישן זיי איז —
דער קאנאל, צעברויזט, צווישן לאנדאן און פאריז.

כ׳הער דעם הירזש אין צעשויבערטן הויב פון עק,
„אט גיט ער א שפרונג“ ! קוקט זי אויף אים אין איין שרעק ;
בלייבט שטיין שניי־ווייס, ווי פארגליווערט, מיטן איר גיי
אין געשריי — דאס גליק־באגעגניש פון די צוויי !

דער געשטילטער בליק — שמחה־נחתדיק צעבליצט,
הארכנדיק די אויערן הויך צונויפגעשפיצט ;
נאך א מינוט, אן איינציקע רגע נאר בלויז,
אין זייער לייב דאס בלוט — אצעאן אין אויפברויז !

אויפגעהויבן שוין איין פוס, א פליגל זיין שוואנץ,
דער האלדז שלאנק־שטאלץ אויסגעדרייט — ער פארבעט צום טאנץ ;
און ביי איר, יעדער מוסקל אין רוקן, אין בויך,
בויגן־געשפאנט — שוין שפיר זי, ניוכנדיק זיין הויך !

צוויי צעטומלטע פערד צווישן הימל און ערד —
גאנצער ארום און ארום איינס מיט זיי ווערט !
און בוים און בערג און ברויזיק ווינטל איבער ברעג,
און ברומענדיק טייכל — פארשווונדן און אוועק — — —

די צוויי גלוסטיקע פערד האבנס גאר לייכט און גרינג,
מיט קלוגע אויגן ביידע, פלינק און שטארק און יינג ;
בלויז איך ווי נאריש, כאטש א ויידע געקענט זיין,
און דו — רענואריש זאפטיק־פריש, גויא־חן —

מיין האלדז אויף דיינעם אצינד, ביי א לאנקע־צוים,
מיין קאפ אויף מיין שטייפן נאקן האלט זיך נאך קוים,
ער איז אזוי פערמאטערט שלעפעריק און מיד — —
א גראם נישט צוגעפונען מער — ווי כ׳בין א ייד.

א ליד פלעטשערט אין מיר — א שטיל ווינטל אויף טייך,
צווישן הימל און ערד, ווער צו מיר אצינד גלייך,
א חוץ אויף מיין קאמין צי צוויי פערד אויפן בילד — —
זייער שטייג, שטאלץ־שלאנק, ווי תאווהדיק ווילד, ווי מילד.

## געזעגן - ליד

„שימוני כחתם על לבך״ — שיר השירים ח. ו.

.1

מיין טאטע האט נישט גאט געזוכט — אים געהאט,
און ווען ער פארן עולם געזאגט דעם בלאט,
אליין דעמלט א טייל ר׳איז פון גאט געווען,
אלע געזעסן ארום טיש אים געזען.

קיינמאל פון ליבע מיין טאטע נישט גערעדט,
זיין יעדעס ווארט געווען איז א ליבשאפט־גלעט ;
ווען ער אויף דער מאמען געגעבן א בליק,
נישט נאר זי — גאנצע שטוב פול געווען מיט גליק.

איך ביידע מיין גאנץ לעבן כ׳זוך אנאויפהער,
אצינד טאטנס גלעטנדיק קול אין מיר כ׳הער :
מיין קינד, גאט געפינט מען נישט, ביז מ׳פארלירט זיך,
און די ליבשאפט ? אז תמיד געזוכט רק דיך.

.2

אז ווי אזוי געפינט מען זיך גאר אצינד,
אלט שוין און מיינע הענט טאפן נאך אלץ בלינד ;
מיין בליק צעפיצעלט־אונטער האמער א פונק,
ער קלאפט, שווער ער פאלט און אלץ טיפער איך זונק.

דער לעצטער שוין, און אויסגעגלייכט מיט דער ערד,
און דער פונק — באלד אויסגעלאשענער טשאד ווערט — —
דיינע הייסע ליפן פלוצלינג אויף מיין באק,
גאטס־זיגל געזיגלט רויט־גליאיקסטער לאק.



ווען אין מיינע ארעמס דיך געהאלטן כ׳האב,
געפילט אין מיינע הענט גאטס גענאד גאטס גאב ;
מיין בליק געגלאצט א רגע, מיין הארץ ווי שטיל,
ווידער כ׳בין גאנץ איך — — בלויז ווייס ווער וואס ער וויל ?

.3

קינד אין וויקעלעך — אין גלעטנדיקע הענט,
געשטילט, געטוליעט געטראגן אין אן־ענד ;
דיין בליק מיין מאמעס, בלויז דיינע הענט ווי פעסט,
האלסט מיך אין זיי, ווי א שוועלבעלע אין נעסט.

ברעקל פון דיין פיסקל, פון דיין אויג א טראפ,
ווי שטילינק דיינע פינגער גלעטן מיין קאפ,
נישט אויפצוואכן נאך, נישט ווערן מער גרויס,
בלויז איינוויגן אזוי ביז אינגאנצן אויס.

א לידעלע־ניגונדל איילולולו — — —
אויפן הימל, אויף דער ערד, ווו בין איך ווו ?
ווי אין גאט פארלוירן — אין דיינע צוויי הענט,
זיי טוליען מיך, פארוויקלען מיך אין אן־ענד.

4

אז איך האב דיך געפונען ערשט אזוי שפעט,
פונקט ווי דעם מארגנשטערן ערשט מען דערזעט,
ווען דער לעצטער שטערן שוין האלט ביים פארגיין,
ווי מען שרעקט זיך לעצטע שריט צו גיין אליין —

א קינד מען ווערט, מען ציטערט ביי יעדן טראט !
צו מענטשן פיר מיך אצינד, נישט בלויז צו גאט,
אין אלע אים שפירן, ווי כ׳שפיר אים אין דיר,
הער ווי ס׳זינגט די ליבשאפט, ווי ס׳זינגט גאט אין מיר —

ס׳זינקט ביז אין מיינע פינגער־שפיצן אראפ !
אין ציטער פון דיינע, אין יעדן בלוט־טראפ,
כ׳פיל זיי ציילן דעם ריטם שטיל מיט מיר מיט — —
ווי מען שרעקט זיך צו גיין אליין לעצטע שריט.

.5

ווי די ערשטע שריט אליין עס גייט א קינד,
פונקט אזוי די לעצטע — מען הערטאפט זיך בלינד ;
בלויז אויף איין רגע די האנט מען לאזט נאר אפ,
און גאנצע ערד א הוידע — ארויף, אראפ.

און איז נישט מאמע דער לעצטער אויסגעשריי,
פונקט ווי דעמלט ביים ערשטן שריטל־געגיי ?

אלץ איז שרויכל און ווינד, שטיין אינמיטן וועג — —
נישט געפרעגט און נישט געקליגט — וואג און דערוועג!

מיט יענער ליבשאפט, ווען דער טויט שוין א שפיל,
ליכטיק דערגריבלט מ׳איז און דערגרייכטער ציל — —
נישט איך, נישט דו — יעדע מחוצה, אויפהערט,
א שטויבעלע אין גאטס האנט צוריק מען ווערט.

## יחזקאל קארנהענדלער (פאריז)

## דער סקולפטאר מיכאל מילבערגער

אויב אין דערברייטער יידישער גאס איז ארייננעדרינגען א געשטייגערטער אינטערעס צו דער פארבן־קונסט און מען באציט זיך איצט מיט ליבשאפט צו דער מאלעריי, מיט וועלכע א סך יידישע היימען זענען היינט צו טאג באפוצט און יידן קומען זען אויסשטעלונגען פון יידישע קינסטלער און שאפן זיך איין זייערע לייוונטן איז אבער נאך פאראן א גאר גרויסע פרעמדקייט פון יידישן קונסט־קאנסומענט צו דער סקולפטור, צו די קונסט־ווערק וואס ווערן געשאפן אין גיפס, שטיין און בראנז.

איך מיין אז די פרעמדקייט צו דער דאזיקער פארם אין דער קונסט, נעמט זיך אפשר דערפון, וואס דאס בילד ווערט אויפגעהאנגען אויף די ווענט פון אונדזערע אפילו קליינע וווינונגען, בעת די סקולפטור פאדערט א געהעריקן פלאץ ווו אוועקגעשטעלט צו ווערן און דאס קאמפליצירט אביסל. די און נאך עפעס: דאס בילד רעדט צו אונדז מיט פארבן; עס עפנט פארן אויג (אפילו פון א נישט גענוג דערפארענעם און פרימיטיוו־פשוטן מענטשן) גרויסע און ווייטע האריזאנטן, בעת די סקולפטור פארמאגט נישט די דאזיקע אייגנשאפטן. זי איז שטום, איינטאניק, באגרענעצט און מען מוז פאר זיך האבן דעם אמת־טיפן קינסטלער, אז מיר זאלן דערפילן איר שיינקייט און דערהערן איר שפראך.

אזא קינסטלער וואס פארמאגט דעם כוח מיר זאלן דערהערן די שטימע און דערפילן דאס לעבן פון דעם שווייגנדיקן שטיין און בראנז איז דער יונגער סקולפטאר מיכאל מילבערגער, וואס געפינט זיך סך הכל נאר דריי יאר צייט אין פאריז אבער וועלכער האט שוין באוויזן צו געווינען און אפילו באזיגן מיט זיין קונסט די יעניקע, וואס כאפן זיך אריין אין זיין פראוויזארישער אטעליע, וואס איז ביז גאר רייך אין ווערק וועלכע ער האט שוין באוויזן צו שאפן אין פאריז. ווערן וואס שווייגנדיק, רעדן זיי צו אונדז מיט אזויפיל כוח און קינסטלערישער פארטיפונג, אז לאנג נאכן פארלאזן די אטעליע, זעען מיר פאר זיך די דאזיקע ביוסטן און קעפ וואס האבן באקומען א זעלטן לעבן, א דאנק דעם סובטעלן און באמת טיפן קינסטלער וואס מיכאל מילבערגער שטעלט מיט זיך פאר.

מיכאל מילבערגער איז נאך א יונגער מענטש, וואס האט שוין אלס סקולפטאר באוויזן ארויפצושטייגן אויף א הויכן קונסט־שטאפל. א געבוירענער אין



ווארשע, האט ער און די נאצי־טעג פארלוירן זיין גאנצע משפחה. אים איז געלונגען זיך ארויסצורייסן פון אקופירטן פוילן און אריבערצוקומען קיין מינסק ווו ער האט געלעבט די ערשטע צייט.

דארט, אין די שווערע טעג פון לעבן אלס פליט, גייט אן דער יינגער בחור מיט זיין קינסטלערישן שאפן אלס מאלער. ער באטייליקט זיך אין אן אויסשטעלונג מיט זיינס א בילד אויף וועלכן ער האט ארויסגעפירט די לײדנדיקע געשטאלט פון א בארוועסן פליט. דאס בילד אונטעריגירט, ציט אויף זיך די אויפמערקזאמקייט. מען פאראינטערעסירט זיך מיט דעם יינגן מענטש און ער ווערט אריבערגעבראנגט, צוערשט קיין מאהילאוו און שפעטער אין דער מאסקווער אקאדעמיע וועלכע ער ענדיקט מיטן דיפלאם אלס ד״ר פון קונסט. דער יונגער מיכאל מילבערגער וואס האט אין זיך דעם איינגעבוירענעם זוכערישן דראנג צו דערקענען וואס טיפער די סודות פון דער קונסט־שאפונג, הויבט אן ארויסצופירן און דער סקולפטור (צו וועלכער ער גייט איבער) ווערק וואס פארכאפן מיט זייער עקספרעסיע און שיינקייט. יא, שיינקייט, א זאך וועלכע איז היינט צו טאג אביסל פארשטויסן און „דעמאדירט״, נישט מאדערן...

די קריטיק אין ראטן־רוסלאנד לויבט אים שטארק. זי דערפילט אויך גלייך אין זיינע ווערק דעם דראנג צו שיינקייט און מען ווארפט אים פאר די דאזיקע „זינד״ אלס מערב־טענדענץ; אז ער געפינט זיך אונטער דער ווירקונג פון א מאיאל, אנטואן בורדעל א.א. און מען רופט אים טאקע אן „זאפאדניק״...

יא, מיכאל מילבערגער זוכט אז זיינע ווערק זאלן זיין וואס מער מענטשלעך־ערלעך, קינסטלעריש עכט און טאקע אויך שיין; א וועג אויף וועלכן ער מאכט גרויסע דערגרייכונגען און רוקט זיך ארויס אין די פאדערשטע קינסטלערישע רייען און ראטן־פאר באנד.

היינט די טאג געפינען זיך אין מאסקווע צוויי גרויסע סקולפטור־דענקמעלער וואס באפוצן די שטאט. איין מאנומענט שטעלט פאר אין זיין גאנצער גרויס, די סטאטוע פון בארימטן רעוואלוציאנער אלעקסאנדער הערצען און דער צווייטער גרויסער מאנומענט שטעלט פאר די סקולפטורן פון פושקינען און מיצקעוויטשן. די צוויי גרויסע דיכטער וואס זענען געווען טיף באפריינדעט, טראץ דעם געוואלטיק־פאליטישן און נאציאנאלן קאנפליקט אין וועלכן עס האט זיך געפינען דאס רוסישע און פוילישע פאלק, צוליב דער אקופאציע פון פוילן דורך דער צארישער ארמיי.

די קאנצעפציע פון דאזיקן מאנומענט איז פארן סקולפטאר מיכאל מילבערגער שוין געווען קיין פשוטער ענין: איז דאך דער דיכטער מיצקעוויטש געווען א זון פון אן אונטערדרוקט פאלק וואס האט געקעמפט געגן דער צארישער אקופאציע און דער ענין איז דאך נאך אפילו היינט צו טאג, זייער קאמפליצירט... בעת פושקין, דער גרויסער פאעט פון רוסישן פאלק האט אויף פארשידענע אופנים, אויך באקעמפט דעם צאריזם. מיכאל מילבערבערג האט און דעם ווערק, אויף וועלכן מיר זעען די צוויי דיכטער אין א שמועס צווישן זיך, געזוכט ארויסצופירן אין דער סאמע איידלסטער פארם,

דעם מיטגעפיל פון רוס פושקין, צום פאליאק און גרויסן יידן־פריינד אדאם מיצקעוויטש (וואס שטאמט אליין אויך אפ פון יידן). ס׳איז א סיטואציע וועלכע דער קינסטלער האט א דאנק זיין טיפער אינטעליגענץ און אינטואיציע, ארויס־געפירט אויף א זעלטן געלונגענעם אופן און זיך באוויזן אלס גרויסער טא־לאנט.

נישט סתם אין דער וועלט איז א דאנק דער „אנעסקא״, צו די הונדערט יאר פון מיצקעוויטשנס טויט, דערשינען אין ארץ ישראל און פארשטייט זיך אז אויך אין פוילן, א פאסט־מארקע מיטן בילד פון דער דאזיקער סקולפטור.

דער קליינער פלאץ דערלויבט מיר נישט זיך אפצושטעלן אויף דער ביז גאר אונטערעסאנטער שעפערישער אקטיוויטעט פון סקולפטאר, וואס א ריי פון זיינע ווערק געפינען זיך אין די מוזעאומס פון מאסקווע, קיעוו, ווארשע א.א. ערטער. אבער שוין פאר דער קורצער צייט פון זיין זיין און פאריז, האט ער געוויזן די אנערקענונג פאר א ריי ווערק שוין דא געשאפענע און וועגן אייניקע פון זיי איז שוין געשריבן געווארן און די פאריזער יידישע אויסגא־בעס און דאס איז קודם כל דער ביז גאר כאראקטעריסטישער און טיף מענטש־לעכער ביוסט וועלן מיכאל מילבערגער האט געשאפן פון דעם אזוי פאפלערן פראנצויזישן גענעראל קעניג, דעם העלד פון בור־האקעים, וועלכער האט גלייך, פון דער ערשטער רגע אן פון זייער צונויפקום, דערפילט א גרויסן אינטערעס צום קינסטלער און כסדר געקומען אין זיין ציימוויליקער און ווייט נישט איינגעארדנטער אטעליע אויפן מאנפארנאס, כדי צו פארזיכן און עס האט זיך באקומען א פרעכטיקער ביוסט וועלכן מען באקומט גלייך ליב צוליב דער טיף־מענטשלעכער עקספרעסיע מיט וועלכן דאס ווערק עטעמט.

מיכאל מילבערגער פארמאגט דעם כוח ארויסצוברענגען אין זיינע סקולפ־טורן די נשמה פון מאדעל. די ווערק זיינע הערן אויף צו זיין לייב, זיי לעבן און ווירקן אויף אונדז מיט זייער עכטקייט. אזוי איז אויך געוואלטיק עקס־פרעסיוו דאס ווערק פון וועלט־בארימטן יידיש־פראנצויזישן פאנטאמים־קינסטלער מארסעל מארסא, וואס דער סקולפטאר מילבערגער האט נאר וואס פארענדיקט. קוקנדיק אויף דעם דאזיקן ווערק האבן מיר דאס געפיל אז אט באלד, וועט מארסעל מארסא זיך א באוועג טאן און באווייזן אייניקע פון זיינע כאראקטערישע זשעסטן.

און פונקט ווי דער קאפ פון מארסעל מארסא רעדט צו אונדז מיט זיין שווייגן, אזוי רעדן צו אונדז אריך אנדערע ביוסטן און קעפ וועלכע כ׳האב אנ־געטראפן און דער אטעליע און איבער וועלכע דער קינסטלער ארבעט איצט.

ס׳איז פאר מיר געווען א גרויסער סופריז צו זען צווישן די ווערק, די ביוסטן פון א ריי אייגענע פאריזער מענטשן, ווי דאס איז די סקולפטור פון דיכטער משה שולשטיין, פון עסעאיסט, פריינד ליטווין. אזוי אויך דעם ביוסט פון פריינד מארק טורקאוו פון ארגענטינע, א חוץ אנדערע אנגעהויבענע ארבעטן. גאר ספעציעל האט מיך פארכאפט. דער שוין אין בראנז אויסגעגאסע־נער ביוסט פון פאריזער תושב פר׳ ליבהאבער דעם גרינדער פון „י. אפאטאשו־



ליטעראטור פרייז״ וואס שמייכלט צו אונדז לייכט, א שמייכל וואס איז פאר אים אזוי כאראקטעריש־אייגנארטיק.

ווי כ׳האב עס שוין אנגעוויזן פריער, געפינט זיך דער קינסטלער מיכאל מילבערגער א „קורצע צייט״ נאר אין פאריז, ווו ער האט שוין אבער באוויזן זיך צו שאפן א סך פריינד סיי אין דער יידישער, סיי אין דער פראנצויזישער קונסטוועלט.

איך האב נישט דעם מינדעסטן צווייפל, אז ער ווערט מיט זיין קינסט־לערישן כוח, אונטעלעקט אין מייסטערישקייט, דערגרייכן א גרויסן נאמען און דער קונסט פון שטיין און בראנז וואס ווערן ביי אים פארוואנדלט אין לעבן.

ש. באיארסקי

## מיקלאנדזשלאס סיסטינישע סופיט

אין קוואדראטן געטיילט ווי א ברעטל פון שאך
איז פון דעם פויפסט אייגן קירכע דער דאך,
אין יעדן קוואדראט, פון א הייליקנס לעבן,
ווערט עפיזאדן אין בילדער געגעבן.

עס האט זיך א קינסטלער פאר יארן באמיט
צו פארבן דעם דאזיקן הויכן סופיט —
מיקלאנדזשעלא איז דער מאלער געווען.
איך וויל אייך דערציילן וואס דאן איז געשען :

געשניצט האט מיקל אין מארמאר דעם קאלטן,
ביז דאן נאך קיין פינזל אין האנט ניט געהאלטן ;
מוז זיך דעם הייליקן פויפסט גראד פארוועלן
מיקל דעם סופיט פארבן אים און מעלן.

דעם פויפסטס א פארלאנג איז דאך א געבאט,
עס האט אויף דער וועלט דאך אים אנגעשטעלט גאט ;
מוז איצט מיקל צום בערשטל זיך נעמען,
חלילה דעם כבוד פון פויפסט ניט פארשעמען.

די קונסט פון א סקולפטאר איז ניט אין דער פלאך,
טא וואס קען דער קינסטלער איצט טאן מיטן דאך ?
האט ער זיך שטארק אין דעם ענין פארטראכט
און א גאנץ נייע קונסט צו דער מענטשהייט געבראכט.

געמאלט האט מען שטענדיק פאר לענג און פאר ברייט,
האט דער קינסטלער געטראכט איצט אין שעה פון זיין נויט,
אז מען קען אפשר שאפן אין בילד עפעס ניי,
וואס גיט די אילוזיע פון טיפקייט דערביי !

איז קוקט נאר ארויף צו דעם הויכן סופיט,
און זעט ווי אין יעדן קוואדראט אין דער מיט,
די פיגורן אינאיינעם קומען אראפּ
און טרעטן אין צווייטן צום הינטערגרונט אפּ.

ניט ווי געמאלט נאר מיט פארבן אליין,
נאר פונקט ווי געמייסלט מיט דלאטן אין שטיין.
א נייע סארט קונסט איז געבוירן אויף וועלט,
פויפּסט איז שטאלץ און דאס הארץ זיינס קוועלט.

דעם פויפּסטס סעקרעטאר אבער האט ניט קיין נחת,
אים דוכט זיך דער מאלער האט גראד אויף צו להכעיס
פאר אים אויפן דאך ניט געפונען קיין ארט,
און פאדערט מיט כעס אן ארט פאר זיך דארט.

טא וואס קען אנדזשעלא טון מיט אים דאן
צו געפינען אן ארט פאר דעם הייליקן מאן?
מאלט ער א בילד אויפן ברעג פון דער וואנט
ווי עס שטראפט אים אין גיהנום אשמדאיס האנט.

צום פויפּסט איז געלאפן הער גרויס־קארדינאל,
די אויגן אין טרערן: — קוק אן דעם סקאנדאל!
זע וואס דיין מאלער פון מיר האט געמאכט!
אין גיהנום אן ארט פאר דיין פריינט אויסגעטראכט!

דאס פנים פון פויפּסט ברעכט אויס אין א שמייכל
און ער ענטפערט דעם קארדינאל אפּ מיט א שכל:
— פון גיהנום אין לעבן באהיט מוז מען זיין,
מען מוז אבער בלייבן קוים איז מען אריין!

ש. טענענבוים

## דער גאלדענער רינג (א מעשה)

(צום יובל פון „לשון און לעבן" — דעם איינציקן יידישן זשורנאל אין ענגלאנד)

איך וועל אייך פרואוון דערציילן אן אסקאר ווילדיש מעשהלע, אבער עס איז אויסגעוואקסן ווי א בלוטיק־רויטע רויז אויף מיין אייגענעם מיסט, ווי מען זאגט עס אין דער שפּראך פונם פאלק. מיין העלד, דער יואוועליר־הענדלער מר. קאוואן, האט עס מיר אליין דערציילט.

עס איז אין א געשעפט אין מאנהעטן, ארום זיבן אין אוונט. מען גרייט זיך שוין צו שליסן דאס געשעפט. די אונטערגייענדיקע זון רירט אן די ביזשוטעריע אינם עלעגאנטן שויפענצטער. דאס רייכע צירונג ווערט אביסל טרויעריק. דער יואוועליר געפינט זיך איינינקער אליין אין זיין צירונג־געוועלב. ער האט אביסל מורא אויך.



פלוצלינג פארט אן א שווארצער אויטאמאביל. א הויכער מאנספערשוין גייט פון דארטן ארויס. ער האט געקענט זיין וואס איר ווילט: א דעטעקטיוו, א דאן־זשואן, א דיפלאמאט אדער גארער פון אלע — א רויבער, א גנב פון צירונג. ער טראגט א שווארצן צילינדער און ווייסע הענטשקעס אונטער זיינע פארדעכטיקטע הענט. ער עפנט די טיר און קומט אריין א שווייגנדיקער. ער האלט זיינע הענט אין די טיפע קעשענעס פון זיין רעקל. קלאר — ער וועט באלד ארויסציען א גלאנציקן, נייעם בראונינג . . .

מר. קאוואן, אויב איר געדענקט נאך זיין נאמען, ציטערט ווי א פיש אין וואסער. ער איז זיכער, אז עס איז א פראגע פון רגעס און ער וועט תיכף בארויבט ווערן. ער האט מורא דעם מאדנעם קונה צו ווייזן מער ווי איין און איינציקן בריליאנטענעם רינג פאר א דאמע.

— וויפל? — פרעגט שטיל דער אומבאקאנטער מאן, בשעת ער לייגט פארזיכטיק אריין דעם רינג אין זיין טייסטערל, נאך אלץ נישט האבנדיק אויס־געטאן די דינע הענטשקעס פון זיינע ביידע הענט.

— טויזנט טאלער! — ענטפערט מר. קאוואן א טויט־דערשראקענער, קוקנדיק צום פרעמדנס רעכטער האנט, צי ער ציט נישט דעם טונקעלען שפּייער פון דער טיפעניש פון זיין קעשענע.

אבער דער מאן ציילט רואיק אפּ צען נייע, קנאקעדיקע הונדערט־טאלער באנקנאטן. ער פארנייגט זיך גאלאנט. ער גייט ארויס מיטן גאלדענעם רינגל, אין וועלכן עס איז געווען איינגעפאסט אן אייז־לויכטנדיקער, גרויסער ברי־ליאנט.

מר. קאוואן צעוויינט זיך פון דער איבערלעבעניש. ער טראכט: וויאזוי האט אויסגעזען די געליבטע, וואס האט אין יענער נאכט געקראגן א מתנה דעם רינג מיטן קאלטן, פינקלענדיקן בריליאנט? האט זי שטיל געוויינט ווען זי האט פון אים גענומען דאס קאסטבארע געשאנק?

איידער מר. קאוואן שליסט צו דעם שלאס פון זיין געשעפט, זעט ער ווי א שיינע דאמע קוקט אריין אין דער וויסטאווע. איר בלוי, דורכזיכטיק און פער־פעקט־געשליפן אויג קאנצענטרירט זיך אויף א גרויסן, בלוט־רויטן רובין־איידלשטיין, וואס איז ראפינירט איינגעפאסט אין א גאלדענער בראשקע. דער רובין פארשעמט זיך פארן פייער פון איר אויג

י. ריכטיגער

## דער גרונט־געדאנק פון א. גאלאמב׳ס בוך

### „אייביקע וועגן פון אייביקן פאלק"

מען האט מיר צוגעטיילט א זער גרויסן כבוד, מיט פרעגן מיך, אנצושרייבן א רעצענזיע אויף פריינד א. גאלאמב׳ס לעצט דערשינען בוך „אייביקע וועגן פון אייביקן פאלק". אין די איבער פיר הונדערט זייטלעך פון בוך זענען דא גענוג מאמרים און חידושים צו דיסקוטירן וועגן זיי. אבער די פינאנציעלע דחקות פון „לשון און לעבן" באגרעניצט די צאל שפּאלטן פאר דער אפּהאנד־

לונג, און מען מוז באגענוגענען זיך נאר מיט דעם גרונט־געדאנק, וואס איז אין אמתן דער לייט־מאטיוו פון גאנצן ווערק.

שוין איבער פופציק יאר באשעפטיקט זיך פריינד א. גאלאמב מיט דער עבודת הקודש פון פארשפרייטן אין יידיש, יידישע וויסנשאפט צווישן יידישן פאלק. ער האט אויך די קוואליפיקאציעס פאר דער ארבעט, ער איז א למדן, היסטאריקער און פעדאגאג. זיין לעצט דערשינענע בוך „אייביקע וועגן פון אייביקן פאלק" איז איינציק אין דער יידישער ליטעראטור אין פארנעם און אין אינהאלט. אין דעם בוך האט ער, מיט דער הילף פון א גרויסע צאל ציטירונגען פון תנ"ך, תלמודים און מדרשים, און שפעטערדיקע מפרשים, באארבעט די געשיכטע פון דער שיטה „חובת הגלות" אדער די טעאריע, אז דאס יידישע פאלק איז באשטימט געווארן צו זיין א דיאספארע פאלק.

זייענדיק אן אנהענגער פון דער שיטה האט פריינד א. גאלאמב איר פארמולירט גלייך אין אנהייב פון בוך, גלייך אין ערשטן קאפיטל „תורה אדער חכמה". פון א מאמר אין א מדרש — „אם יאמר לך אדם יש חכמה בגוים תאמין, יש תורה בגוים אל תאמין" — אז א מענטש וועט דיר זאגן, פאראן תורה ביי גוים זאלסטו ניט גלייבן, (איכה רבתי ב. י"ז) דרינגט פריינד א. גאלאמב ארויס, אז דער תוך פון יידישן פאלק איז יידישקייט — תורה . . . „גוישע שבטים זענען געווארן פאראייניקט אין פאלק ווייל זיי האבן געלעבט אין א געמיינזאמע טעריטאריע, די יידישע שבטים, אבער, זענען געווארן א פאלק ווייל זיי האבן מקבל געווען די תורה" . . .

אין זעלבן קאפיטל באווייזט, פריינד א. גאלאמב, אויך דאס מיט היסטארישע פאקטן, ער זאגט — „פעלקער ווערן געשטארקט אין פרייהייט, יידן אבער פארקערט: אריין אין מצרים איז איין משפחה און ארויס איז א פאלק. אין אייגענעם לאנד ווערט אפגעשוואכט און כמעט ווי אפגעמעקט די גרעסטע יידישע מדינה (מלכות ישראל). און ווידער אמאל איז דאס יידישע פאלק געווארן א פאלק דווקא אין גלות (בבל) און פון גלות האט מען געבראכט די יידישקייט אין אייגענעם לאנד . . . די גמרא שעמט זיך ניט צו דערציילן אז נישט איין מאל איז די תורה פארגעסן געווארן אין אייגענעם לאנד און אלע מאל קומען „עליות" פון בבל און „באנייען זי", נישט די היים, נאר דער גלות בויעט יידישקייט". (סוכה כ') און זיין מסקנא איז אז — „די תורה האט איינגעהיט דאס פאלק און נישט דאס לאנד, נישט די היים. נישט דאס לאנד האט געשאפן די קולטור, נאר פארקערט, א פאלק לעבט לענגער פון אלע אנדערע פעלקער, וואס מיט זיי האט עס זיך געטראפן דורך דער לאנגער געשיכטע, און ביי זיך איז דאס פאלק געווען בלויז קיום אפשר אין דריטל פון זיין געשיכטע". (ז. 19־20)

ווידער אין קאפיטל „א וויטער מהלך", דערקלערט פריינד א. גאלאמב — „אזא מין באהעפטונג פון פאלק מיט דער תורה איז נישט אראפגעפאלן למשה מסיני. עס איז געווען א לאנג דויערנדיקער פראצעס, וואס האט זיך געצויגן יאר הונדערטער" . . . לויט אים האט ירמיה אנגעהויבן דעם פראצעס, ירמיה — זאגט ער — איז טאקע געווען „דער גרעסטער באוויינער פון דעם חורבן, פון דער פארלארענער פארזיכיקייט, אבער דווקא ירמיה הייסט די יידן זיך איינפעסטיקן אין גלות. גליקלעך איז א פאלק ווען עס לעבט פאליטיש פאר זיך, אבער מען טאר זיך ניט מייאש זיין אויך ווען מען פארלירט די פאליטישע פארזיכיקייט. און די תורה ירמיה'ס איז דורך ברוך בן נריה געבראכט געווארן קיין בבל, ער איז זיכער ניט געווען איינער, אים האבן געהאלפן די סופרים און איבערהויפט עזרא, וואס די גמרא פארגלייכט אים צו משה" . . . (ז. 36־37)

און אין ווייטערדיקע קאפיטלעך ברענגט פריינד א. גאלאמב זער א סך מאמרים, וואס באשטעטיקן, אז אין משך פון צווייטן בית המקדש איז אנגעגאנגען דער גראנגעל צווישן מלוכה און תורה, ווי עס ווערט פון אים פארמולירט אין קאפיטל „דאס איז דער אויפטו פון בית שני". ער שרייבט דארט, אז עס זענען פארגעקומען „צוויי היסטארישע פראצעסן אין דער צייט פון בית שני — א פאליטישער מיט מלכים, מיט מלחמות, מיט אינטערנאציאנאלע אפמאכן, מיט רעוואלוציע און מיט הריגות און ווייטער הריגות — פון איין זייט, און פון דער צווייטער זייט א נארמירונג און קאנאניזירונג פון יידישן לעבן, פון יידישע טראדיציעס און אידעען, מלוכה און תורה, איין פראצעס האט ווי באמיט זיך נישט צו באמערקן דעם צווייטן, און עס קאן זיך שטעלן א פראגע וואסער פראצעס האט געבראכט צו דער אייביקייט פון יידנטום? צי דער פאליטישער אדער דער קולטור פראצעס?" —. . . און פריינד א. גאלאמב פירט אויס „אונדזער געשיכטע איז געגאנגען מיט דעם וועג פון די קולטוריסטן און איז יא דערגאנגען. וואלט זי געגאנגען מיט דעם דרך פון די פאליטיקער, וואלט אונדזער געשיכטע איבערגעריסן זיך א סך, א סך פריער. איך ווייס נישט צי עס איז פאראן נאך א צווייט פאלק וואס זאל אזוי באוווסטזיניק אויפבויען זיין געשיכטע נאר אויף קולטור, אן פאליטישע יסודות. און איך ווייס אויך נישט קיין צווייט פאלק וואס זאל האבן אזא לאנגע געשיכטע אן א פאליטישער טעריטאריאלער היים" . . . (ז. 103־106)

פריינד א. גאלאמב איז גערעכט, דער גראנגעל צווישן די אנהענגער פון דער תורה שבעל פה און אנהענגער פון דער „ממלכת כהנים" האט טאקע זיך אנגעהויבן אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש, די אגדות וועגן סיכסוך צווישן שמעון בן שטח און דעם חשמונאישן מלך ינאי זאגן דערויף עדות. (קידושין ס"ו, סנהדרין י"ט) אבער דער סיכסוך איז פארגעקומען אין ארץ ישראל, וועגן דער העגמאניע איבער פאלק אין ארץ ישראל. נאר ערשט שפעטער, א לאנגע צייט נאכן צווייטן חורבן, זענען דערפון אנטשטאנען די צוויי עקסטרעמע שיטות פון „שלילת הגלות" און „חובת הגלות". ווי עס ווייזט זיך ארויס איז די שיטה פון „חובת הגלות" געווען א פראדוקט פון יעדן גלות, ווארשיינלעך אן אונטערבאוווסטזיניקע פארענטפערונג אדער בארעכטיקונג פאר לעבן אין חוץ לארץ . . .

מען איז בארעכטיקט אנצונעמען אז די אידיי פון זיין א„דיאספארע פאלק" האבן שוין די בני ישראל מיט געבראכט פון מצרים, ווייל משה האט אין דער תוכחה געווארענט אנהענגער פון אזא אידיי. ער האט געזאגט — „והפיצך ד' בכל העמים" — גאט וועט דיך צעשפרייטן צווישן די אלע פעלקער . . . דארט וועסטו דינען פרעמדע געטער (ניט דיין גאט, ניט דיין תורה) . . . און צווישן

די פעלקער וועסטו ניט האבן קיין רו און קיין מנוחה וועט ניט זיין פאר דיין פוסטריט" דברים כ"ח) . . . עס איז אויך אמת, וואס פריינד א. גאלאמב, באהויפטעט אז די אנהענגער פון דער דיאספארע־פאלק־אידיי האבן איר אנגעהויבן צו פארווירקלעכן נאכן ערשטן חורבן, אבער ברוך בן נריה איז געווען דער איניציאטאר, ניט ירמיה. ער — ירמיה — קלאגט „מלכה ושריה בגוים אין תורה" — איר מלך און אירע הארן וואס זענען צווישן די פעלקער האבן ניט מער קיין תורה, אין הסכם מיט די רייד פון משה) אויך אירע נביאים געפינען ניט קיין זעאונג פון גאט. איכה ב')

ברוך בן נריה האט געגרינדעט די ערשטע ישיבה פון תורה אין גלות בבל און איז געווארן דער טרשטער גלות־נביא, (מגילה ט"ז־רש"י) צום ווידערווילן פון ירמיה. עס איז קיין ספק ניט, אז אויף ברוך בן נריה האט ירמיה געזאגט די הארבע ווערטער — „מדוע שובבה העם הזה" — פארוואס האט זיך דאס פאלק אפגעקערט פון ירושלים אן אייביקע אפקערונג? זיי האלטן זיך אן אין באטרוג, זיי ווילן ניט צוריקקערן קיין ירושלים . . . ווי קענט איר זאגן — חכמים זענען מיר און די תורה פון אלמעכטיקן איז מיט אונז, ווען אין אמתן האט איר זי פארפעלשט מיט א פאלשער פען פון סופרים. ירמיה ח') דערפאר האט ירמיה געהאלטן אז ברוך בן נריה איז ניט ראוי צו ווערן א נביא און אים ניט געוואלט געבן קיין סמיכה. (ירמיה מ"ח — מכילתא סוף פתיחתא דפסחא, רמב"ם מורה נבוכים ח"ב פל"ב)

ברוך בן נריה'ס ישיבה האט קוים אנגעהאלטן עטלעכע דורות, ביז די תורה־ישיבות האבן אנגעהויבן צו פונקציאנירן אין ארץ ישראל. מען גרויסט זיך נאר אז עזרא, הלל און רבי חייא האבן פארפעסטיקט די פארגעסענע תורה אין ארץ ישראל, ווען זיי זענען געקומען פון בבל האבן הלל און רבי חייא ניט מיטגעבראכט קיין תורה, זיי זענען געקומען לערנען. אין די ישיבות פון שמעיה ואבטליון און רבי, ווייל בבל האט ניט מער געהאט קיין וויכטיקע ישיבות. (סוכה כ') ערשט א לאנגע צייט נאכן צווייטן חורבן געפינט מען ווידער מאמרים אין די תלמודים וואס די אנהענגער פון די צוויי שיטות האבן געדרשנט צו בארעכטיקן זייער שטעלונג.

אן איינוווינער פון ארץ ישראל און אן אנהענגער פון „שלילת הגלות" באהויפטעט, אז די קלענסטע סעקטע אין ארץ ישראל האט דער אלמעכטיקער מער ליב, ווי די סנהדרין הגדולה אין חוץ לארץ. (ירושלמי נדרים פט"ו ה"ח) אן אנדערער אנהענגער, ר' זירא, ווען ער איז אויפגעגאנגען פון בבל קיין ארץ ישראל, האט ער געפאסט הונדערט תעניתים, אז ער זאל פארגעסן די תורה וואס ער האט געלערנט אין בבל. און אן אנהענגער פון „חובת הגלות", רב יהודה בר יחזקאל, האט געזאגט — ווער עס פארלאזט די ישיבה פון בבל און גייט לערנען תורה אין ארץ ישראל איז עובר אויף אן עשה . . . ווייל ווי עס ווייזט זיך ארויס פון זיינעם אן אנדערן מאמר האט ער געהאלטן אז אין ארץ ישראל לערנט מען ניט תורה לשמה. (בבא מציעא פ"ה, כתובות ק"י, נדרים פ"א—ר"ן)

ווערט א מיטגליד פון „פריינט פון יידיש־לשון"

263

# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 7־5 (העפט 15־413) זיבן און צוואנציקסטער יאר מאי־יולי 1966 לאנדאן

א י נ ה א ל ט :

צו שלום־עליכמס פיפציקסטער יארצייט .............. .... * 1
שלום־עליכמס 50'סטער יארצייט .............. א. מ. קייזער * 3
שלום־עליכם דער ציוניסט .............. יוסף פרענקעל 4
שלום־עליכם נאך 50 יאר .............. ש. גאלדשמידט 7
די געפערלעכע מצה (דערציילונג) .............. שלום עליכם 9
דער מאנגאליע בוים (ליד) .............. עלא זילבערג 10
ווי א הונט (ליד) .............. שמואל וההייט 10
ראמאנס (ליד) .............. רבקה קאפע 11
אין הייליקן לאנד (ליד) .............. יוסף לעפטוויטש 11
ביי דער קו אונטערן עק (פראזע) פאריז (לידער) .............. א. נ. שטענצל 12
ירוחם דעם מלמד'ס פרנסות (הומארעסקע) .............. א. מ. קייזער 30
טרוימעריי (דערציילונג) .............. יוסף ד. באסט 31
ש. איזבאן אין העברעאיש (רעצענזיע) .............. ש. י. דארפסאן 34
אונזער אנגעצינדן יארצייט ליכט עלעק וואטערמאן ע"ה וועגן יידיש אין לאנדאן, א גוטער גרוס געברענגט פון דר. י. מייטליס .... פון ש. 35
דער ווארשעווער געטא .............. י. ריכטיגער 36
דער ציל פון דער 19'טער אפריל פייערונג ...... מאיר באגדאנסקי 42
ייווא־טעטיקייט אין ענגלאנד .............. מיכאל זילבערבערג 45
ראמען ראלאן (עסיי) .............. אברהם סילקעס 47
קולטור־ידיעות באריכטן, דער שבת נאכמיטאג.

## ראש השנה־ווונטשן

מיר בעטן אונזערע אבאנענט און פריינט באצייטנס אונז צוצושיקן אייערע ראש־השנה ווונטשן.
ד. ר.

רעדאקטירט פון א. נ. שטענצל

פרייז 2 שילינג

אבאנאמענט־פרייז :—26 שילינג פאר א יאר
אין אויסלאנד :—8 דאלאר א יאר

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע :—
'LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by* A. N. Stencl, 17 *Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press,* 129-131 *Cavell Street, London, E.1*